STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08812

LIDER MAYNE

Rose Z. Nevodovska

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ

★

לידער מיינע

ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ

לידער מײַנע

פארלאג י. ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל״ד — 1974

Rosa Nevadovska

LIDER MAINE

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

פאַרלאַג י. ל. פּרץ,
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1974

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדר׳ הר־ציון 104, טל. 822481

וועגן דער דיכטערין ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ

אין די היימישע צייטונגען פון אונדזער שטאָט — און געווען יאָרן, ווען עס זיינען אַרויס אַ וועלכע דריי־פיר טאָגצייטונגען — האָט מען זיך איבערגענומען מיט איר ליד. אַ קליינינקייט, זי זיצט אין ניו־יאָרק און פאַרגעסט ניט איר געבוירן־שטאָט, שיקט אירע שאַפונגען צום ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן". און פסח קאַפּלאַן, דער ערודיט און מחמיר, וואָס איז אַלע יאָרן געווען דער אויסגע־רופענער רעדאַקטאָר, האָלט פון ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ אַ וועלט — —

אָבער איר אייגענע וועלט איז געווען אַ טרויעריקע. אַ טיפער אומעט האָט באַגלייט איר לעבן און עס האָט געוויינט פון איר ליד מיט באַגערן, וואָס ווערן קיין מאָל ניט פאַרווירקלעכט און זיי פאַר־טיפן נאָר דעם ריס צווישן זיך און דעם אַרום.

איך האָב געלייענט אירע לידער מיט יאָרן צוריק אין די אַמע־ריקאַנער יידישע אויסגאַבעס: אין „די צוקונפט", „די פעדער", „פרייע אַרבעטער שטימע", אין דעם לאַנדסמאַנשאַפטלעכן זשורנאַל „ביאַליסטאָקער שטימע", אין די העפטן, וואָס די לאָס־אַנדזשעלעסער שרייבער־גרופּעס האָבן אַרויסגעגעבן — אין די גוטע יאָרן פון יידיש אין אַמעריקע. לרוב זיינען עס געווען קורצע לידער, געשריי־בענע מיט געפיל און צו מאָל מיט קענטיקער איבערלעבונג. אין יעדן ליד איז געווען אַ געדאַנק, אָפט אַ סאָציאַלער געדאַנק, אָבער די סענטימענטאַלע אָנשטימונג, וואָס האָט אָן אויפהער געוועלטיקט אין אירע אײדעלע פערזן, האָט דאָך ניט געגעבן דעם איינדרוק פון אַן אויסקריסטאַליזירטער דיכטערין.

נאָר גיי ווייס, אַז דאָס זיינען בלויז פירורים: אַז אַ גרויס דיכ־טעריש פאַרמעג האָט ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ געשאַפן און כמעט ווי אויסבאַהאַלטן במשך פון יאָרן; אַז וווּנדערלעכע לידער אין די צענד־ליקער, אין די הונדערטער, זיינען געבליבן ניט פאַרעפנטלעכט. איז דאָס געווען דער רצון פון דער דיכטערין? איז דאָס געווען איר וועג? שווער צו גלויבן. גיכער איז עס אַ רעזולטאַט פון דעם געזעל־שאַפטלעך־ליטעראַרישן קלימאַט, וואָס האָט געהערשט אין דעם שאַפערישן צענטער אין אַמעריקע, ווו זייטיקע און שטילע זיינען ניט דערמונטערט געוואָרן, און זיי זיינען משמעות געוואָרן נאָך זייטיקער און שטילער... והראיה, ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ האָט אַרויס־געגעבן ביי איר לעבן בלויז איין לידער־זאַמלונג, און דאָס גראָד אַכט יאָר נאָך איר באַזעצן זיך אין אַמעריקע („אַזוי ווי איך בין" ל. אַ. 1936, 156 ז"ז).

און אַט ליגט פאַר אונדז איר דיכטערישער פאַרמעג אין דעם בוך „לידער מיינע", וואָס די משפחה פון דער דיכטערין האָט זיך באַמיט אַרויסצוגעבן און דער דיכטער בינם העלער האָט אָפּגעקליבן פונעם עזבון און צוגעגרייט צום דרוק. ביידע, סיי די פאַמיליע פון דער פאַרשטאָרבענער דיכטערין, סיי דער פּאָעט בינם העלער, האָבן דער־מיט געטאָן מער ווי אַ חסד של אמת, ברענגענדיק פאַר אונדז די שאַפערישע מי פון אַט דער סובטעלער און אין בענקשאַפט פיבערדי־קער דיכטערין.

אַ סך מאָטיוון זיינען פאַראַן אין אירע לידער, אָבער דער מאָטיוו פון בענקשאַפט דאָמינירט אין איר שאַפן. זי האָט געבענקט נאָך אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט איר ניט צוגעטיילט, אָדער נאָך דעם, וואָס בלויז אַ שפּליטער האָט זיך צוגעאייגנט, אָדער נאָך דעם, וואָס זי האָט בלויז טועם געווען און עס איז פאַרשוווּנדן. זי האָט געבענקט נאָך אַ קינד, זי האָט געבענקט נאָך איר געליבטן, זי האָט געבענקט צו אַ פרייער וואַרעמער סביבה, זי האָט געבענקט נאָך דעם זוניקן אַמאָל.

דאָס ליד איז אַ טייל פון דער ביאָגראַפיע פונעם דיכטער — אויב דאָס ליד איז אמת. נעוואַדאָווסקאַס „לידער מיינע״ טראָגן אין זיך איר אמת, איר גייסטיקע וואָר. איר ליד אָטעמט מיט אַ געמיט, וואָס האָט געוווּסט פון ווייניק פרייד און געקענט מער דעם צער פון מענטש, זיינע אַנטוישונגען, און די ווייען פון אונדזער צייט:

דער ווייַ אַרום מיר, ווי אַ שטאָלענער רייף.
ער רינגלט אַרום מיך און צוימט מיר מיין מוט.
פון אים איז קיין אויסוועג נישטאָ, קיין אַנטלויף —
און איבער מיין קאָפּ די צעפּאַכטעטע רוט.

עס איז איר נאָכגעגאַנגען און פאַרפאָלגט די געדוכטע צי אויס־געדוכטע „צעפּאַכטעטע רוט״. אַ פּראָדוקט פון איר עלנט, צי אַ פּראָ־דוקט פון די טראַגישע פאַרלויפענישן פון אונדזער תקופה? ווי עס זאָל ניט זיין — „די צעפּאַכטעטע רוט״ האָט געהויערט איבער איר ליד. אָבער אַפילו אין דעם טיפן אומעט קומען אויף הייטערע, זוניקע און צעשפּילטע טענער; לידער פון נאַטור, פון ים און זונ־אויפגאַנג, לידער פון גלויבן, פון אָפּטימיזם און ליבשאַפט.

אינטערעסאַנט, ביי דער גאַנצער באַשיידנקייט, וואָס זי האָט זיכער פאַרמאָגט — און דאָס פילט זיך אָפּ אין איר שאַפן — איז זי גופא: איר אַנען, איר טראַכטן, איר רעאַגירן, על פי רוב די הויפּט־טעמע, דער הויפּטסוזשעט פון איר ליד. לכאורה, זעט עס אויס ווי אַ סתירה, אָבער אַז מען לייענט זיך אַריין אין די „לידער מיינע״, ווערט אַזוי קלאָר די אייגנטימלעכע, אָרגאַנישע פאַרבונדקייטן פון דער דיכטערין מיט איר אַרום. אין דער פּשטות פון איר וואָרט, וואָס איז אַזוי לויטער און ניגונדיק, זעט זיך די אינטימקייט און שלימותדיקייט פון דער שאַפערין און איר ליד, ווי אַנדערש וואָלט עס גאָרנישט געווען געמאָלט.

אין דער פשטות פון איר וואָרט, ווו דאָ און דאָרט כאַפּט זיך אַריין אַ זאַגערישער קלאַנג, שאַפן זיך בילדערישע פערזן און דיכטעריש זעונגען, וואָס לייזן זיך אויף אין אַ פילאָזאָפישער געדאַנקלעכקייט. אַט אַ שטייגער ווי אין עטלעכע שורות פונעם ליד „מאָרגנפרייד":

די שטילע שטראָמען ליכט מיך דרינגען דורך,
און איך ווער דורכזיכטיק, ווי די בורשטינען.
ווער בין איך איצט? אַ וועלט פון ערגעץ־ווו
שטראָמט דורך דער אייביקייט ביים פולן זינען.

איך קום צום ברעג פון ים. ווערט פול מיין אויג
מיט ברעג און וואַסער אין דעם וועלט־געלייטער.
ווער בין איך איצט? אַ זעמדעלע, אַ שטויב,
וואָס טראָגט זיך אין דעם מאָרגן ערגעץ ווייטער.

דאָס געפיל „ווער בין איך איצט? אַ זעמדעלע, אַ שטויב" אין אָנבליק פון אַ מעכטיקן נאַטור־יש, איז געוויס ניט קיין נייעס. אַט דאָס געפיל רופט זיך איבער מיט דעם אַלט־יידישן פסוק „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר". ניט מער, אין דעם קלימאַט פון אַט דעם ליד, ווי פון צענדליקער אַנדערע לידער פון דעם כאַראַקטער, הערן מיר אַרויס דער דיכטערינס אייגענע שטים, ס'איז איר אויפגעגאַנגענע שטימונג און איר אייגן קול.

ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַס דיכטערישער יחוס ליגט, דוכט זיך, ערגעץ צווישן אַברהם רייזענס פאָלקישן ליד און אַברהם ליעסינס דער־הויבנדיקער היינטצייטיקער פּאָעזיע.ביידע דיכטער האָט זי געוואַלדיק פאַרערט. נישקשה, ס'איז אַ מדרגה צו בלייבן, ווי אינעם ליד „אויף איסט־בראָדוויי", אין דער סביבה ווו: „דאָ שוועבט נאָך אין דער לופט די שטים פון אַברהם רייזען, מיר דוכט זיך, אַז איך הער נאָך אַלץ דעם עכאָ פון זיין וואָרט".

יידישע דיכטער אין אַמעריקע האָבן פון די סאַמע אָנהייבן געזונ־גען וועגן אַמעריקע, געשריבן רעוואָלוציאָנערע לידער פון קאַמף און פּראָטעסט אין די יאָרן פון שוויצשאָפּ. שפּעטער האָט מען באַזונ־גען די וווּנדערשטעט און די ווייטע ברייטע פּליינען און די מעכטיקע וואַסערן און די הויכע בערג און דעם פּאַרכאַפּנדיקן ווירוואַר פון גרויסשטאָט. ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ שרייבט ניט קיין סך אויף אָט די מאָטיוון, הגם דער אַמעריקאַנער פּייזאַזש אָטעמט אין איר ליד מיט אַלע קאָלירן און מיט חיותדיקער פרישקייט. אָבער די זעכצן לידער, וואָס קומען אַריין אין דעם אָפּטייל „ניו־יאָרק", זיינען אַזוי אַנדערש־דיק און מקורותדיק אין זייער באַנעם און אין דער מיליע, פון וועל־כער זיי וואַקסן אַרויס. „ריווערסייד־דרייוו", „שלעסער אין שפּאַ־נישן מוזיי", „פּאַרק און ווינט", „אַ היים אין די בראָנקס", און אָט איז אַ ליד אָן אַ נאָמען, און גראָד אָט דאָס אַכט־שורותדיקע ליד אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַזאַ טיפע וואָר, די אומעטיקע פאַרנאַכטיקע וואָר פון דער וווּנדערלעכער מאָנסטער־שטאָט ניו־יאָרק:

דער פאַרנאַכט איז קופּערדרויט און ראָז
און זיין גלאַנץ שפּיגלט זיך אין יעדער שויב.
גרינער ווערט אין פעלד דאָס גראָז,
און שטילער אויפן וועג — דער שטויב.

נאָר שטאָט ווערט רוישיקער ווי אַלע מאָל,
די מענטשן ציען מידע זיך אַהיים.
דער אָוונט גיסט זיך דאָ ווי גרויער שטאָל,
און אין דער ענגשאַפט — יעדער בלייבט אַליין.

אין אַזאַ בין־השמשותדיקער אַליינקייט פלעג איך טרעפן אין ניו־יאָרק מיין בת־עיר ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ. זי פלעגט זיך אַלע מאָל

פון דאָס ניי דערפרייען און דערציילן מיר פון אירע יאָרן אין ביאַ־ליסטאָק. זי איז געווען מילד און אַזאַ האַרציקע וואַרעמקייט האָט געוויים פון איר. מיך האָט עפּעס אי געווונדערט, אי אימפּאָנירט, וואָס זי רעדט ניט וועגן אירע לידער, ווער ווייס? אפשר האָט זי מיט איר ראַפינירטן חוש דערפילט, אַז איך מייד עס אויס. זאָל זי מיר מוחל זיין דערפאַר.

איך האָב יאָ געהערט איר צאַרנדיק ליד, געשריבן אין די ערשטע מלחמה־יאָרן:

> ווי ביאַליסטאָק, וועט ברענען באַלד בערלין,
> ווי בריסק און ווילנע — רויכערן וועט מינכען.

אָט די קלאָג־נבואה האָט אָבער ניט געלינדערט אירע יסורים אויף דער אומגעבראַכטער היים, אויף דער פאַרשווונדערנער יידישער וועלט פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט זי גייסטיק גענערט אין איר נייער היים אין אַמעריקע.

דאָס בוך שליסט זיך מיט דעם לידער־ציקל „דור" — לידער פון ליבשאַפט, פון באַגער און בענקשאַפט, לידער פון ליבע, וואָס אָטעמען מיט אייביקער גלוסטונג — „פון דיר, מיין ליבער, פון דיין ליכטיק זיין, איז איבער מיר אַ זון איצט אויפגעגאַנגען".

איך ווייס ניט צי די זון איז טאַקע אַ פולע ווען ס׳איז אויפגע־גאַנגען פאַר איר.

אָט דאָס בוך פון איר ליטעראַרישן עזבון איז מער ווי אַ געטרייע, ווירדיקע פאַראַנדענקונג נאָך דעם עלנטן לעבן פון דער דיכטערין, וואָס האָט אַזוי באמונהדיק געגלויבט:

> פאַרשטויסן מיין וואָרט איז, געטראָטן, ווי שטויב,
> און דאָך בלייבט מיין ליד, ווי אַ דאַנק, ווי אַ לויב — — — —

אברהם ליס

קורצע ביאָגראַפיע

ראָזאַ נעוואָדאָווסקאַ (איר יידישער נאָמען איז געווען: זעלדע רייזל) איז געבוירין געוואָרן אין ביאַליסטאָק דעם 20סטן אָקטאָבער 1890 אין אַ פאַרמעגלעכער אינטעליגענטער משפחה. די עלטערן האָבן געפירט אַ טראַדיציאָנעל־יידיש הויז. שבתים, יום־טובים, תעניתים זיינען פרום אָפגעהיט געוואָרן און די היים איז געווען באַהויכט מיט יידישן גייסט.

דער פאָטער בנימין, הגם אַ טראַדיציאָנעלער ייד, איז געווען אַ וועלטלעכער מענטש. ער פלעגט נאָכפאָלגן די פרעסע אויף רוסיש און יידיש, האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. די מוטער אַלטע (געב. אַבראַמאָוויטש) האָט געענדיקט אַ דייטשישן פּאַנסיאָן אין פּרוזשענע, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט, און איז אויך געגאַנגען אין יידיש־טראַדיציאָנעלע וועגן. זי איז געווען זייער פרום, און צו דער זעלבער צייט איז זי מיטגעגאַנגען מיט די קינדער און פלעגט לייענען זייערע רוסישע ביכער.

די קינדער האָבן באַקומען אַ יידישע און וועלטלעכע בילדונג. ראָזאַ איז געווען די עלטסטע פון זיבן קינדער. פון דער פריסטער יוגנט האָט זי געלערנט ביי אַ לערער העברעיש און תנ״ך. זי איז געגאַנגען אין קאָמערץ־שולע, האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן און האָט געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. נאָך זייענדיק אין שולע האָט זי זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער היימישער פרעסע: דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך געדרוקט אין דער ביאַליסטאָקער רוסישער צייטונג „ביעלאָסטאָקסקי וויעסטניק״ און דערנאָך אין „גאָלאָס ביעלאָסטאָקאַ״ אונטערן נאָמען ר. נעוו־סקאַיאַ.

אויף יידיש האָט זי זיך געדרוקט אין דער טעגלעכער צייטונג „דאָס נייע לעבן״, רעדאַגירט פון פסח קאַפּלאַן. זי האָט פאָרגעזעצט איר בילדונג אין בעלגיע (גענט און בריסעל), אויך געהערט לעק־

ציעס אין סאָרבאָן (פּאַריז). אין 1913 האָט זי חתונה געהאַט און געבוירן אַ מיידעלע — לאהלע. פון 1914 ביז דער ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי געוווינט אין מאָסקווע. אין מאָסקווע האָט זי פאַרלאָרן איר קינד; דאָס קינד איז געשטאָרבן פון מעניגגיט אין עלטער פון צוויי יאָר. ראָזאַ האָט געהאַט אַ שאַרפע אינטויציע און האָט געהאַט פאַרגעפילן, וואָס זיינען אָפט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אַזוי גיך, ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז זי געקומען צוריק קיין ביאַליסטאָק. איר אומרויקע נאַטור האָט זי ווידער פאַר־טראָגן אין בערלין, און אין 1928 איז זי געקומען אין ניו־יאָרק. דאָ האָט זי זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „די צוקונפט", „מאָרגן־זשורנאַל", „ביאַליסטאָקער שטימע", „דער טאָג", „קאַליפאָרניער אידישע שטימע", „פרייע אַרבעטער־שטימע", „קאַנאַדער אָדלער" „אידישער קעמפער", „קינדער־זשורנאַל" א"א.

אין 1936 איז דערשינען אין לאָס־אַנדזשעלעס איר בוך לידער „אַזוי ווי איך בין".

זי איז אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, געהאַלטן לעקציעס און צו דער זעלבער צייט געשריבן לידער פון אירע איינדרוקן און איבערלעבונגען, ווי אויך אויף סאָציאַלע און נאַציאָ־נאַלע טעמעס — דער חורבן פון אונדזער פאָלק און די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל.

זי איז געשטאָרבן דעם 26סטן סעפּטעמבער 1971 — ז' תשרי תשל"ב, און אויף דער מצבה (אויפן ביאַליסטאָקער בית־עולם) איז אויסגעקריצט אַ פערז פון איר ליד „מיין הלל":

אַ לויב דיר, ג־ט, פאַר דיין געשאַנק;
די פּראַכט פון וואָרט האָסט מיר געגעבן.
דורך צער, דורך פּיין כ'גיב דיר מיין דאַנק
פאַר זען די זון, פאַר אָטעמען און לעבן".

ס. ק.

שטילקייטן

☆

אין אונדזערע ווײַטע נסיעות
איז עפּעס פֿאַראַן, וואָס עס שרעקט.
צו שפּעט שוין פֿאַר אונדז, צי צו פֿרי איז?
נאָר קיינער האָט נאָך ניט געפֿרעגט.

ווײַל וואָס זײַנען ווערטער? — אַ האָגל
אויף אָקערשט צעפּוכעטן פֿעלד.
ס׳איז גוט איצט צו זײַן אינעם וואָגל
אין עמעצנס ערגעץ אַ וועלט...

מײַנע אויגן

פֿאַראַן עפּעס אין מײַנע אויגן,
וואָס מיר אַליין איז אומבאַקאַנט —
ווי בלויע זעגלען, אָנגעבויגן,
וואָס שווימען צו אַ ווײַטן לאַנד.

פֿאַראַן עפּעס פֿון די טיפֿן,
די תּהומען שוימיקע פֿון ים.
דאָרט שפּיגלט זיך, וואָס כ'האָב באַגריפֿן,
נאָר ניט באַהערשט נאָך מיטן גראַם.

וועגן זיך אַליין

פון יוגנט־פרישקייט איז נאָך איצט מײַן פּנים ראָז,
מײַן קאָפּ איז זומערדיק — קיין שפּור נאָך פונעם שניי,
הגם מײַן האַרץ איז דורך אין פײַער און אין פראָסט,
און דורך מײַן גוף — דער שניט פון טיפסטן וויי.

נאָך דורשטיק זײַנען מײַנע ברוינע אויגן,
מיך וווּנדערט נאָך און בלענדט ביז ימים־בלוי,
הגם ס׳האָט דורכגערוישט און דורכגעפלויגן
די צײַט פון שטורעם, פון אימת־מוות־גרויל.

אומרויִק זײַנען אַלץ נאָך מײַנע וועגן
און האַסטיק איז מײַן זוכנדיקער טראָט.
איך גיי. איך גיי די הויכקייטן אַנטקעגן —
אין זעמדעלע איך הער די שטים פון גאָט.

צוויי זונען

צוויי זונען איך זע אַרום זיך —
אין הימל און אויך אין מײַן שפּיגל.
די זון אינעם הימל שווימט גיך,
אין שפּיגל — זי ליגט ווי אין וויגל.

די זון דורכן פֿענצטער פֿאַר טאָג
פֿאַרטרײַבט פֿון מײַן צימער דעם שאָטן;
די זון אינעם שפּיגל טאַנצט נאָך
און איז אין דער ערשטער געראָטן.

איך ווייס מער ניט וואָס ס'איז די וואָר:
קאָן זײַן, אַז די זון איז אַ שפּיגל
פֿון ליכט, ניט געזעענעם גאָר
דורך אונדז — דורך ברואים אָן פֿליגל.

☆

קיין זאַך איז ניט שטום.
אַלץ האָט אַ קול.
ניטאָ קיין שטומע זאַכן.
אויף דער שטאָל
קאָן אין ליאַרעם דערוואַכן.
ווען מען ברענט אים —
שיפּעט ער אַנטקעגן.
ער ווערט בלאַס, ער ווערט רויט,
און ווען ער קילט זיך אָפּ —
ווערט ער ראָד,
וואָס דונערט
און בייזערט זיך איבער די וועגן.

☆

איך בין נאָך אַלץ דאָס קינד, וואָס בענקט צו שיינקייט.
איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט — מײַן פאַרב איז בלאָ.
און ווי די וועלט איז אַלט אויך מײַן אַליינקייט —
זי איז מיט מיר פון זינט איך בין נאָר דאָ.

און גרייט בין איך נאָך אַלץ אַוועקצוגעבן
דאָס גאַנצע האַרץ פאַר בלויז אַן איינציק וואָרט.
און גוט איז מיר צו גיין אַליין אין לעבן
און זוכן פאַר מײַן שטענדיקייט אַן אָרט.

איך גיי אַוועק אין שאַרפן רעגנבויגן
און זיבנסטרוניק זינגט אין מיר דאָס האַרץ.
איך גיי נאָך אַלץ אַליין, נאָר ניט געבויגן
מײַן קאָפּ וועט בלײַבן אונטער מעסערשאַרף.

בײַם ברעג פֿון טײַך

די פּאַלמעס שפּיגלען זיך בײַ נאַכט אין טײַך,
די קעפּ אַריבער ברעגן אײַנגעבויגן.
בײַ טאָג די שטאַמען זײַנען שטאַרק און גלײַך
און איצט — ווי קעמלען־העלדזער אויסגעבויגן.

אויף וואַסערן פֿון טײַך שלאָפֿט שטיל אַ שיף —
און אין די הײַזער אויבן, אויף די ברעגן,
אין פֿענצטער וויגט זיך דורכזיכטיק און טיף
אַ פֿײַערל פֿון ווײַטע וואַסערוועגן.

און אַלץ אַרום איצט שפּיגלט אָפּ דער טײַך:
די הײַזער, און דיביימער, און די שיפֿן.
די נאַכט ווערט אין דעם שפּיגל טיף און רײַך —
איר חכמה האָב איך בײַ דעם ברעג באַגריפֿן.

☆

ווּ בין איך געווען אין מײַן איידער־זײַן?
און ווּ װעל איך זײַן נאָך מײַן האָבן געווען?
בין איך בלויז אַ צופאַל, אַ שטראַלעכל שײַן,
אַן אויג, ווּ עס שפּיגלט זיך וועלט דורך מײַן זען?

ווער בין איך? אַ קינד אין פאַרגאַף בײַ אַ שויב?
און וואָס איז מײַן טראַכטן, דער אויפלײַכט פון רעיון?
וואָס איז דער אַרום? אַ צעפאַל אינעם שטויב,
צי גאָר דער באַשאַף פון דעם יש מאין?

וואָרט

איך האָב ליב צו וויגן ווערטער אויף מײַן גומען,
צו האַלדזן זיי און צערטלען און צו טרינקען זיי ווי ווײַן.
איך גיי אַ לעבן אָפּ מיט וואָרט אַרומגענומען
און ווער אַדורכגעזיכטיקט מיט זײַן ליכט און שײַן.

איך האָב ליב צו וויגן ווערטער אין די שורות,
ווי מען וויגט מיט ליבשאַפט אײַן אַן איין און איינציק קינד.
עס ברענגט דאָס וואָרט מיר אָנזאָג, אַנונגען און בשורות
אויף פליגל אייביקע פון ווינט.

☆

איך גיי צו אײַך, פון טאָל אויף בערג,
איך גיי צו אײַך — אויף בערג פון נידער.
איך, אַ מענטש, אַ קלײנער צווערג,
וויל ווערן הירש און אָדלער ווידער.

ווי הירש, זיך טראָגן באַרג נאָך באַרג,
צעצווײַגטע זינגען מײַנע הערנער.
איך טראָג מײַן גאַרב, איך טראָג מײַן גאַרב —
בלומען דופטיקע און דערנער.

אָדלער זײַן — הויך און פרײַ,
מיט אויגן ליכטיקע און דרייסטע
אַלץ דערזען, דערזען אויף ס'נײַ
און דורכשטראַלן די שנייען ווײַסטע.

איך גיי צו אײַך פון טאָל אויף בערג,
איך גיי צו אײַך אויף בערג פון נידער.
איך בין שוין מער ניט קלײנער צווערג —
הירש און אָדלער ווער איך ווידער.

ווער ביסטו, מענטש?

ווער ביסטו, מענטש? דו ביסט די ערד
מיט בלוטן שטראָמיקע, ווי טײַכן.
ביסט גאָטס געשטאַלט. איז ווער איז ווערט
פון ברואים מיט דיר זיך צו גלײַכן?

דו האָסט דאָס וואָרט, פאַרמאָגסט אַ קול.
דו זינגסט דאָס בלויגעזאַנג פון שטערן,
דאָס גרינגעזאַנג פון וואַלד און טאָל —
און ליבגעזאַנג, פאַר גאָט צו הערן.

און דיך האָט גאָט גערופן מ ע נ ט ש,
באַשטימט פאַר היטער פון גן־עדן,
מיט וואָרט און טוונג דיך געבענטשט —
אַ בונד אַן אייביקער פוןביידן.

☆

איך וואָלט פון זיך אַליין די הויט געשונדן.
אַ לאַסט איז מיר דאָס לײַב אויף מײַנע ביינער.
מיט שטילע שטראַלן וויל איך זײַן פאַרבונדן,
זיך חברן מיט ווינטן פון דער וועלט,
און זײַן אויס גוף, און ווערן לײַכט און העל,
ווי נאַכט אין מיטן חודש —
און לײַכטן אין דעם חושך.

אַ ל י י ן

איך אַליין מוז אַדורכגיין מײַן גיהנום,
איך אַליין בין געווען אין גן־עדן.
איך געדענק גוט מײַן גליק, אַט יענעם,
מיט וועלכן כ׳האָב געמוזט זיך צעשיידן.

איצט גיי איך דורך פּײַנען און צערן
און עס נאָגן מיך טיף מײַנע ווייען —
איצט גיי איך דורך אַלע געפּאַרן
מיט גן־עדן און גיהנום אין צווייען.

יעדע נאַכט

יעדע נאַכט גלײַך איך אויס די זאָרג פֿון מײַן טאָג.
יעדע נאַכט איך צעליכטיק מיט שמייכל מײַן פּנים.
פֿאַר מײַן צער, ווי פֿאַר דער פֿרייד, דאַנק איך און זאָג:
ס'איז אַ צייכן אַזאַ, ווי אַ סוד — דו דערקאָן אים!

ס'זײַנען שווער, און אויך גרויזאַם, אַ מאָל מײַנע טעג,
נאָר איך טראַכט: ס'זײַנען עמעצנס גרויזאַמער, שווערער.
ווי אַן אייביקער וואַנדערער-וואָגלער אין וועג,
כ'רוף בײַ טאָג און בײַ נאַכט צום דערהערער.

איבערגעקערט

אַ שוואַרצע האַנט האָט דורכגעמישט אַ בלאַט,
אַ רויטער האָן — אַ בשורה אויסגעקרייט.
געזען, געהערט — געבליבן אין דער נאַכט
איך בין האַלב וואַך — אין טרויער און אין פרייד.

אַ פחד־בלויקייט שפרייט זיך אויס אַרום.
פון טיפענישן טויכט אַרויס אַ שיף.
די קלאַנגען ווערן אָפּגעשטעלט און שטום.
די בערג זיך קערן איבער אין דער טיף.

אַזוי פיל אומעט

אַזוי פיל אומעט טראָג איך אין מײַנע ביינער.
גאָט, מײַן האַרץ איז מיד שוין פונעם טראָגן!
אַזוי פיל שווערקייטן, אַזוי פיל שטיינער,
אַזוי פיל פינצטערע פאַרטאָגן.

גאָט, ס׳איז מיר שווער און ביטער,
און אַלע קרײַטעכער ברענען אויף מײַן גומען.
אָ, דו באַשיצער און באַהיטער,
ווען וועט די שעה פון אויסלייזונג קומען?

איך האָב געזען דעם טויט

איך האָב געזען דעם טויט אין דער היים פון אַ פרוי,
אַ קראַנקער.
ער איז געשטאַנען נאָענט נעבן איר, אָט דאָ.
ער האָט, ווי אַ שיף בײַם ים־ברעג, זיך פאַראַנקערט
און מיט געדולד געוואַרט אויף זײַן דערלויבטער שעה.

כמעט ביז צום סופית האָט געגרייכט זײַן געשטאַלט.
ער האָט געוואַרט, געוואַרט.
בלויז איך האָב אים געזען, געוווּסט, וואָס ער באַהאַלט —
אַז דער פסק איז גרויזאַם און האַרט.

צו וואָס?

— ניט ברוגז זיין — מיך בעטסטו, ווילסט, איך זאָל דיר שרײַבן.
ווייס איך הײַנט אַליין ניט צו וואָס עס טאָן, צו וואָס?
איך האָב אַ סך צו זאָגן, וויל איך גאָר הײַנט שווײַגן.
ס'איז מיר גוט ניט רעדן, ניט שיקן דיר קיין אות.

בעטסטו מיך און שרײַבסט מיר. ווילסט, איך זאָל דיר שיקן
אַ בריוו, אַ לאַנגן, לאַנגן: ווי אַזוי מיר גייט.
ווילט זיך הײַנט, גראָד הײַנט, מיר, זיך אַליין דערקוויקן
מיט מײַן אויסגעטראַכטער אומרויִקער פרייד.

רעדן ביי מיר שורות, ווי צו ווײַטסטע ווײַטן:
מיר בענקען און מיר בענקען. שרײַב צו מיר און רייד.
עס שײַנט הײַנט די לבנה ווײַט אין אַלע זײַטן.
שווער איז מיר איר שײַן הײַנט, שווערער נאָך פון פרייד.

שווער איז מיר צו שווײַגן. שווער איז מיר צו שרײַבן.
ווייס איך הײַנט אַליין ניט, וואָס, וואָס זאָל איך טאָן?
מײַנע הענט אין אומרו וואַרפן זיך, ווי צווײַגן,
און אַליין איך פלאַטער, ווי אין ווינט אַ פאָן.

צו וואָס זאָל איך דיר שרײַבן, אַ פרעמדן און אַ ווײַטן,
צו וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ווי און וואָס בײַ מיר?
ס'שײַנט הײַנט די לבנה העל אויף אַלע זײַטן
און די נאַכט, אַ בלויע, ליגט בײַם שוועל פון טיר.

דער נביא

אין וואָגל אויסגעצערט דעם גוף,
פאַרלאַנגען אויף אַ קייט געהאַלטן,
געשפּאַנט די פּיס נאָך ווייַטן רוף,
אויף וועגן שטיינערנע און קאַלטע.

דעם בליק צו אַלץ, וואָס לעבט געווענדט,
געהער געשפּייַזט מיט האַרבע קלאַנגען,
די אומרעכט האָט זייַן בלוט צעברענט,
דער האַס האָט אים געפּרווט דערלאַנגען.

ער גייט דורך וועלט, ווי נאָך אַ קלאַנג
פון פּלייט, וואָס שפּילט אַראָפּ פון הייכן,
אים ווערן קללות — זיס געזאַנג
אין וועג דעם אמת צו דערגרייכן.

ער דאַרף קיין סך. אַ פּענעץ ברויט
און קלאָרע וואַסער וועט אים שפּייַזן,
פרימאָרגן וועט מיט זוניק רויט
זייַן ווייַטן וועג אים ווידער ווייַזן.

און פול זייַן האַרץ איז, ווי אַן אויג,
מיט בענקשאַפט נאָך גערעכטע מענטשן,
אין גרויסן צער זייַן קאָפּ ער לייגט
אויף שטיינער, און ער נעמט זיי בענטשן.

☆

פאַרשטויסן מײַן וואָרט איז, געטראָטן, ווי שטויב,
און דאָך בלײַבט מײַן ליד, ווי אַ דאַנק, ווי אַ לויב —
פאַר זײַן דאָ, פאַר וואָגל און וואַנדער דורך וועלט —
דורך פײַער און שטיינער, דורך פלאַמען און קעלט.

מיר איז אין מײַן שווערקייט אַ חסד באַשערט —
צו גיין אונטער שטערן. אַ קול כ׳האָב געהערט:
באַשטײַג אָט דעם באַרג! נעם עלנט, נעם נויט,
נאָר זינג אויס דעם ניגון, וואָס דיר איז פאַרטרויט!

איז גיי איך אין עלנט, איך גיי נאָך אַנאַנד.
איך שטײַג און איך פאַל, נאָר ס׳איז שטענדיק מײַן האַנט
אַ גרייטע צו קריצן אויף שטיינער מײַן ליד.
פאַרשטויסן מײַן וואָרט איז — מײַן שטערן נאָך גליט.

מײַן הלל

אַ לויב דיר, גאָט, פֿאַר דײַן געשאַנק.
די פּראַכט פֿון וואָרט האָסט מיר געגעבן.
דורך צער, דורך פּײַן כ׳גיב דיר מײַן דאַנק
פֿאַר זען די זון, פֿאַר אָטעמען און לעבן.

און אויב ס׳איז מיר באַשערט אַליין זײַן דאָ,
און אויב מײַן לאַסט איז נאָך אַ ביסל שווערער,
האָב איך דאָס גליק צו זען דעם בלויסטן בלאָ,
האָב איך דאָס גליק צו פֿילן מײַן געדאַנק נאָך קלערער.

האָב איך דאָס גליק אין ריטמען פֿון אַ ליד
אַרײַנצוזינגען אַלע מײַנע פּײַנען,
און ווען דער וויי פֿאַרפֿינצטערט מײַן געמיט —
הייבט אָן פֿאַר מיר די זון אין ליד צו שײַנען.

לעבן מייַנס

אַליין זיך צו דער איינזאַמקייט פֿאַראורטיילט,
אַז נאָענט — ווייַט, און ווייַט זאָל ווערן נאָענט.
אַז ווערן ליב זאָל וואַנדערן און אומרו —
האָב איך בייַ זיך אַכזריותדיק געמאָנט.

אויף ווייַטע וועגן האָב איך זיך געטריבן,
פֿאַרלאָזט די היים און די וואָס זייַנען ליב.
איך האָב מייַן שטרענגן אורטייל אָנגעשריבן:
דעם עלנט — דיר, דייַן ליבשאַפֿט — יענעם גיב.

גיב אָפּ דייַן ליבשאַפֿט צו די פֿרעמדע מענטשן,
טרינק אָן זיך מיט דייַן אומעט, ווי מיט ווייַן.
מיט קללה זאַפּ זיך אָן, כאָטש דו וועסט בענטשן,
דאָס שווערסטע נעם אויף זיך, — דאָס מוז דייַן גורל זייַן.

☆

איך וויל זיך שיידן מיטן טרויער,
איך וויל, מיין אומעט זאָל פאַרשווינדן.
מײַן האַרץ איך ווענד איצט פון באַדויער
צו פרייד — זאָל זי מײַן וועלט צעצינדן.

איך וואַרף אַראָפּ מײַן לבוש דעם אַלטן,
אין פּראַכט איך ציר אויס מײַן געביין.
איך צינד אָן ליכט אין וואָכן קאַלטע,
און בלויז פון גליק איז מײַן געוויין.

מײַן שיפל כ׳ווענד צו נײַע ברעגן,
איך שווים איצט צו מײַן בלויען לאַנד.
איך שייד זיך אָפּ פון קעלט און רעגן —
דער רודער פעסט ליגט אין מײַן האַנט.

באַשערטקייט

כ'נעם אָן מײַן באַשערטקייט די שווערע
און די איינזאַמקייט מײַנע איך בענטש.
איך בין גליקלעך צו לערנען די לערע,
ווי צו זײַן אונטער הימלען אַ מענטש.

ב אַ ג י נ ע ן

אַ טאָג — ווי פון בראשית דער באַגינען.
דער „יהי אור" קומט מיר אויפן זינען.
די לופט איז דורכזיכטיק, און ווײַס — די שײַן,
ווײַסער נאָך פון וואָל און קלאָרסטן לײַן.

אַ טאָג אַ ליכטיקער. די אויגן — קלאָרע.
און די מחשבות — לויטערע און וואָרע.
מײַן האַרץ, וואָס קאָן קיין רו זיך ניט געפינען,
וועט ווערן שטיל אין אָט אַזאַ באַגינען.

אין פעלד

אין פעלד האָב איך געזען דעם אויפגיי פונעם טאָג.
דער הימל האָט געצונדן זיך, געלאָשן.
און עמעצער האָט עפּעס אָנגעזאָגט
מיט אומפֿאַרשטענדלעך און קאָלירִיק לשון.

און ווי דער הימל — כ׳בין אַליין געווען.
מיט בלוי און רויט מײַן ניגון כ׳האָב געצונדן.
אין אויפגאַנג האָב איך זיך אַליין דערזען:
אין בלוי פון גליק, אין רויט פון מײַנע וווּנדן.

ס׳פּלאַצן די קנאָספּן

ס׳פּלאַצן די קנאָספּן: די שטים פון אַ בלום,
אַ שאָרך פון אַ בוים, און אַ פּליסטער פון בלעטער.
מיר דוכט זיך, די צײַט הערט שוין אויף צו זײַן שטום —
זי האָט זיך צעעפנט און שטײַגט אין געקלעטער.

די שטומקייט אַליין באַקומט אויסדרוק און שפּראַך.
דער חושך צעהעלט זיך מיט שמייכל און פינקל.
איך הייב אָן צו זוכן דעם זין פון דער נאַכט,
ביז כ׳הער ווי עס זינגען די שאָטנס אין ווינקל.

#ביימער אין פרילינג

די ברוינע שטאַמען גליִען אין דער זון,
זיי וואַרעמען די צווייַגן נאָכן ווינטער.
די בלעטעלעך צעעפנטע אין נחת און אין רו —
עס זינגען איצט די ביימער גרינע לידער.

זיי קוועלן אָן אין פרייַהייט, און אַ ווינטעלע קוים-קוים
באַוועגט זיי שטיל און וויגט זיי, ווי אין דרעמל אַ באַריר.
די קעפּ צעבליטע לייַכטן ווי די שטערן אינעם רוים —
און אַלע גרינגעוועבן גרייטן ברכה און באַציר.

בײַ מײַן פענצטער

אַ גרויע קאַץ, און איבער איר — די גרינע צווײַגן.
דער פרילינגדיקער טאָג אין שווײַגעניש פאַרגייט.
כ'האָב ליב די שטילקייטן, די שטים פון טיפן שווײַגן;
כ'האָב ליב דאָס אומעטליכט ווען זון מיט אונדז זיך שיידט.

כ'האָב ליב די טראַכטעניש פון הויכע קלוגע ביימער;
כ'האָב ליב די וואַרעמקייט, די טיפע, פון דער ערד;
כ'האָב ליב באַהערשט צו ווערן פון דער אימה
פאַר יענעם קול, וואָס דורך דער וועלט זיך הערט.

סוף טאָג

איך באַגלייט דעם אָפּגייענדיקן טאָג
צו ווײַטע ניט דאָ׳יקע וועלטן.
און פּלוצעם — צום האַרץ טוט אַ שלאָג
אַ ווייטיק נאָך עפּעס פאַרפעלטן.

דער טאָג שווימט אַוועק, ווי אַ שיף,
וואָס ענדערט איצט אירע קאָלירן,
אַ בענקשאַפט פון טונקלסטער טיף
גייט אויף מיט אַ ניט-היגן שפּירן.

דאָס גראָז ווערט פאַרלאָשן און שוואַרץ,
די ביימער אין דעמערן טונקלען.
אין מײַן ביין, אין מײַן בלוט, אין מײַן האַרץ
צעצינדט זיך אַ ניגון ווי צונטער.

ס׳לעשט אוים זיך דאָס ליכט. אַ נײַע שײַן
ווערט איבער דעם לעבן פאַרצויגן.
אַוועק איז דער טאָג, און דער אומעט ווי ווײַן
גיסט איבער די ברעגן פון מײַנע אויגן.

שמעטערלינגען

אין צימער האָבן אויפגעהעלט די לאָמפּן,
ווי אויגן גאָלדענע, באַקוקט די נאַכט.
דאָס ליכט האָט פון די וועלדער און די זומפּן
שמעטערלינגען לופטיקע געבראַכט.

זיי פלאַטערן אַרום דער שײַן פון פײַער —
זיי זוכן וואַרעמקייט און טאָגיקייט און זון.
זיי מיינען, אַז דאָס ליכט איז אַ באַפרײַער
פון פינצטערניש, פון נאַסקייט, פון דער זומפּ.

שמעטערלינגען לופטיקע און גרינגע
זיי טאַנצן אין אַ רעגנבויגן־קייט.
איך קוק — און האַלט פאַרקלעמט מײַנע פינגער —
אַ יעדער ריר קאָן ברענגען איצט דעם טויט.

איך האָב געזען

איך האָב געזען דעם שטראַליקן געבלענד
אין דער שעה פאַרן אויפשטייַג פון שטערן;
איך האָב געזען פון הויכן טאָג דעם ענד —
איך האָב געטראַכט פון אויפקום און ניט־ווערן.

איך בין געשטאַנען אין פאַרגאַף: אַרום מיר
האָבן ליכטער זיך געמיניעט און געלאָשן,
און אַ ווינט האָט מיט לייַכטן באַריר
צו דער וועלט גערעדט מיט שטום־לשון.

פאַר נאַכט

עס שליסן זיך פון שיינעם טאָג די טירן —
די לאַנגע, בלויע שאָטנס פון פאַרנאַכט.
די שקיעה-ליכט צו נאַכטיקייט שוין פירן,
די ווײַטע שטחים ווערן צוגעמאַכט.

איך גיי דעם וועג פון אָנהייבן צו סופן —
אַ שווערער וועג פון אומרו און פון פּײַן.
איך זאַמל אײַן דאָס אַלץ, וואָס איז פאַרלאָפן —
די ביטערניש פאַרוואַנדל איך אין ווײַן.

און דורך דעם גליק, וואָס זינגט אין מײַנע בלוטן —
דעם טיפסטן צער טײַטש איך אויס צום גוטן.

דאָס פלאַטערל

דאָס פלאַטערל שלאָגט מיט די פליגל די שויב —
באַלד וועט ער פאַרלירן זײַן פאַרביקן שטויב,
און בלײַבן פאַרשוואַכט,
די פליגל — אָן מאַכט.

אַ מענטשישע האַנט וויל פאַרשפּאַרן די שויב
און געבן דעם פלאַטערל פרײַהייט און רוים.
דאָס פלאַטערל צאַפּלט אין שרעק
און פליט פון דער שויב אַוועק.

און איך? — דער גורל פון מענטש אויף זײַן וועג,
וואָס שלאָגט זיך אין אייגענע טעג
און גייט פון זײַן רעטונג אַוועק,
ווײַל ס'טרײַבט אים די שרעק.

שפעטזומערווינט

דער ווינט טרייסלט איבער די צווייַגן
און זוכט פונעם אומרו די טיף.
אַפילו די שטים פונעם שווייַגן
גייט איבער אין בריל פון אַ שיף.

דער ווינט אין די שטאַמען פון ביימער.
דאָס האַרץ וועקט ער אויף פונעם שלאָף.
דער ווינט — מיט זייַן שפּראַך דער געהיימער —
ער זאָגט אָן פון זומער דעם סוף.

ברוינע בלעטער

די ברוינע בלעטער קוקן אַרײַן אין מײַן שויב,
דער האַרבסטווינט בלאָזט אויף זײַן געלער פּלייט
און זינגט מיר דעם ניגון פון האַרבסטיקן גאָלד,
פון האַרבסטיקן גאָלד.

איך גיי צו דעם פענצטער: דער הימל איז הויך,
די זון שטרעקט פון דאָרט אירע לאַנגדינע פינגער
און נעמט מיך אין גאַנצן אַרום
מיט האַרבסטיקן גאָלד.

שפּעטזומער ביי ביימער צוקאַפּנס
היט אָפּ די לעצטרייפע פרוכט —
די עפּל און באַרן
פון האַרבסטיקן גאָלד.

אין שײַערן שטייען אין רייען
די סנאָפּעס געשניטענע זאַנגען,
און גרייטע צו געבן דאָס ברויט
פון האַרבסטיקן גאָלד.

און מײַן ניגון, וואָס ציט זיך צו הייכן
און וויל צו די שטערן דערגרייכן,
לויכט-אויף איבער בלעטער די ברוינע
פון האַרבסטיקן גאָלד.

☆

פליִען פייגל מיט בענקעניש-געשרייען
צו הימלען ווײַטע, צו זומערדיקן לאַנד.
דער ווינט וועט באַלד דאָס לעצטע בלאַט פאַרווייען,
פאַרזייען אינעם זאַמד.

וואָס ביסטו, יעשען, פרי אַזוי געקומען,
ווען איך וואַרט גאָר אויף ווארעמקייט און בלומען?

שטילער שניי

כ׳האָב ניט פאַרלאָזן היינט די ווינקלען פון מײַן היים.
פון פענצטער מײַנעם כ׳זע דעם שטילן שניי, וואָס פאַלט.
די ווענט און חפצים מײַנע וויגן זיך געהיים
אין ריטעם פון דײַן ליד, אין ליכט פון דײַן געשטאַלט.

ס׳איז גוט מיר היינט צו בלײַבן אין אַ ווינקל פון דער וועלט,
און שטיל זײַן ווי דיביימער אײַנגעטוליעטע אין שניי,
זיך צוהערן, ווי טיף אין מיר דײַן פּנים זיך צעהעלט,
און וואַרטן ווי די ביימער — און וואַכיק זײַן, ווי זיי.

בלעטער

אין קאַלטן ליכט פון פריווינטער-טאָג,
אין טונקל-בלויע פריפראָסט-נעכט —
עס טראָגן זיך מחנות אָפּגעלעבטע בלעטער
און מיט אַ קול פון קלאָג
זיי פירן דאָס געפעכט
אין שעהען זייערע, די שפעטע.

און ווילד זיי דרייען זיך אין דער לופט.
אַ טאַנץ פון אומקום. זיי הייבן זיך און פאַלן.
עס טראָגט זיך פון זיי דער ביטערער דופט
פון לאַנג שוין פאַרברענטע זוניקע שטראַלן.

דעם אָנקום פון ווינטער זיי זאָגן איצט אָן,
פון שניי און זאַווייַ דעם ווייַסן שייַטער.
זיי וויקלען אין ווינט אויף אַ קופּערנע פאָן —
און אייַלן אַוועק מיט איר ווייַטער און ווייַטער.

אין וואַלקן

אין וואָלקן האָב איך געזען היינט דאָס פּנים פון גאָט:
ס'איז קײַלעכיק געווען, און העלגאָלדיק — דער שטערן.
דער ים איז געגאַנגען מיט זײַן זינגענדיקן טראָט.
דאָס פויגל-געשריי איז געווען לײַכט צו דערהערן.

די פייגל האָבן די פליגל ברייטער צעשפּרייט —
אַ לויב און אַ תּפילה געבראַכט פאַר זײַן פּנים.
פון וואָלקן האָט אַראָפּגעזונגען די אויפגאַנג-פּלייט.
מײַן גאָט האָב איך דערזען, און שטיל געזאָגט:
כ'דערקאָן אים.

פאַר נאַכט

איך האָב געזען די זון דורך ווינטערדיקע ביימער,
דורך דעם געפלעכט פון הוילע שוואַרצע צווייַגן.
די פיאָלעט־פאַרבן האָבן אויף אַ שפּראַך געהיימער
גערעדט צו מיר די שפּראַך פון טיפעניש און שווייַגן.

איך בין געגאַנגען דורך די שטילע ווינטערדיקע גערטנער.
די זון האָט זיך געזעצט שוין אין די לעצטע רגעס.
געטראַכט האָב איך פון דיר און פון די בלויע ערטער,
און אַלץ האָט אויסגעזען בלויז ווי אַן אָנדייַט און אַ רמז.

פאַרגאַנגען איז די זון, און אַלץ אַרום איז גרוי געוואָרן,
דער מערב האָט געטונקלט און די פאַרבן אויסגעלאָשן.
און יענע רגע האָט געבראַכט צו מיר פון ווייַטע יאָרן
דייַן פּנים, דייַנע אויגן און דייַן לשון.

אונטערן שניי

דערווינטער טראָגט די זומערדיקע זאָמען —
אויף פעלדער גרינען גראָזן אונטער שניי.
די קעלט און וואַרעמקייט גייען צוזאַמען
אין דעם אָנסופיקן געדריי.

אָטעם

אַזוי פיל אָטעם — איך קאָן זיך ניט אָנאָטעמען צו זאַט.
איך שטיי אונטערן הימל, ווי אַ בוים, איך טרינק ווי אַ גראָז,
ווי אַ בלאַט,

פון ברייטן שטח די פרישע פרײַע לופט,
און אין דעם וואַלד איך שלינג דעם סאָסנע־דופט.

אָ ערד — מײַן שיינע, גוטע, גרינע מאַמע ערד,
איך בעט, כ׳זאָל לאַנג נאָך אָטעמען זײַן ווערט,
איך בענטש דעם מאָרגנשטערן און די ערשטע שײַן,
איך דאַנק פאַר יעדער רגע פון מײַן זײַן.

פאַר אַלע פיר און צוואַנציק שעה פון מײַן טאָג,
פאַר יעדן טראָט, פאַר אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג,
פאַר קענען ווײַטע שײַן פון שטערן־וועלטן זען —
פאַר זײַן דאָס מינדסטע רינגעלע פון ווען צו ווען.

פאַר פרילינג

פאַרשוואַרצטע עס שטייען די שטאַמען פוןביימער,
די דאַרינקע צווייַגן זיך שאַקלען אין ווינט.
גאָר איך הער די קלאַנגען פון טיפן געהיימע,
דעם ניגון פון ווערטער, ווי ליכטער, איך צינד.

עס שלאָפן נאָך וואָרצלען אין פינצטערע גרונטן,
די ערד איז פאַרקאָוועט מיט אייַז און מיט שניי.
גאָר ס׳דרימלען די כּוחות פאַרטייַעטע אונטן —
זיי וועלן דערוואַכן נאָך לעצטן זאַווײ.

אין הערצער פון ביימער שוין חלומען בלעטער,
וואָס וועלן צעשפּראָצן בייַם אָנקום פון זון.
עס גרייטן שוין שטאַמען די פּרוכטן אויף שפּעטער —
אין האָפענונג שעפּן זיי כּוחות דערפון.

אַ בוים אין פעלד

אַ בוים אַ נאַקעטער אין פעלד אַליין,
צערונצלט און צעקאַרבט זײַן ברוינע קאָרע.
דאָס לעצטע בלעטעלע דער ווינטער האָט גענומען
פון אים גערויבט, פאַרטראָגן אין אַ נאָרע.

קיין ברודער־בוים, קיין יישוב און קיין דאַך.
דער שניי האָט אויסגעלאָשן אַלע שטערן.
דער ווירבלווינט פון שווידערלעכער נאַכט
פאַרטרונקען האָט די קולות — נישט צום הערן.

דער אויסגעדאַרטער בוים געדולדיק וואַרט
אויף דעם גערויש פון בליִענדיקע וועלדער;
דער איינזאַמער — ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט
צו ווערן כאָטש מיט נאָך אַ פרילינג עלטער.

אין דער פרעמד

איך בין אין דער פרעמד, אין מײַן פולער אַליינקייט,
און דאָך ניט אַליין — אין מײַן פענצטער דער סאָד.
איך זע, ווי ער טוט זײַן עבודה פון שיינקייט —
אָט קומען די פרוכטן פון זיסן גענאָד.

די האַנט פון באַשאַפער גיט בענטשונג דעם טוען
און ווײַזט מיר סימנים: דו ביסט ניט אַליין.
אין בלי ווערסט געפינען דײַן טרייסט און דײַן רוען —
די פרוכט פונעם וואָרט וועט פאַרזיסן דײַן וויי,

אַ פרוכט, ווי דער מילגרוים מיט זאַפטיקע קערנער,
ווײַל אויך אין אַליינקייט איז ברכה פאַראַן.
אַפילו דער קאַקטוס אין קרוין פון די דערנער
בליט-אויף אין דער מדבר בײַם זוניקן בראַנד.

ביים ראַנד פון די ראַנדן

איך שטיי איצט ביים ראַנד פון די ראַנדן,
אין לויטערן פרישן פאַרטאָג.
די ליכטיקייט פול ווערט מיט אַנונג
און קלאָרער דערהער איך דעם זאָג:

„אוים נאַכט, נאָר ס'שלאָפן די שטערן.
דו זעסט ניט, נאָר זיי זיינען דאָ".
און ס'הילכט אָפּ דער עכאָ פון הערן:
„געווען, און כ'וועל זיין, און כ'בין דאָ"!

ערד־ציטערניש

איך האָב געזען, ווי ס'זיינען בערג געשפּרונגען,
ווי פון די היַיזער פאַלן אָפּ די דעכער.
איך האָב געזען, ווי ערד האָט איַינגעשלונגען
אַ וואַלד — און איז דערפון געוואָרן העכער.

איך האָב געזען, ווי מענטשן זיינען געל געוואָרן
און אויסגעקרימט עס האָט זיך יעדער שמייכל.
אַ רגע איז געוואָרן טויזנט יאָרן
און איַינגעפרוירן איז געווען דער שכל.

און איבער אַלץ — דאָס שרעקלעך שטומע שוויַיגן.
אַנטלאָפן פון זיַין גרוב איז אויך דער וואָרעם.
אַראָפּגעהאָנגען זיַינען אַלע צווייַגן.
די טויטע האָבן זיך געוועקט אין קברים.

אין אַ טאָג פון גליק

אָ זון, בלײַב שטיין, ניט ריר זיך פונעם אָרט!
זאָל טאָג כּסדר זײַן, זאָל הײַנט קיין נאַכט ניט ווערן.
איך זע דײַן פּנים איצט, איך הער דײַן וואָרט,
אין מיטן בלויען טאָג — געזאַנגען פון די שטערן.

אָט פינקלען דײַנע אויגן. אָט לעשן זיי זיך שטיל.
זיי עפענען זיך ברייט — און ווערן באַלד פאַרלאָשן.
דער טאָג, דער טאָג פאַרגייט, ער צאַנקט אויס לויטער, שטיל.
פון טאָג ווערט נאַכט. מײַן טאָג, ווער ניט פאַרלאָשן!

ווי האָניק

מיט האָניק און בלוט טריפן ווערטער —
דער ווײַ מײַנער זינגט אין מײַן ליד.
דאָס איז ער, מײַן אײנציק-באַשערטער,
צו אים כ׳בין אויף אייביק פאַרשמידט.

אין ווינטן איך גיי, אין די שלאַקסן —
איך גיי נאָכן שפּור פון אַ קלאַנג.
ווי צווײַג אינעם בוים איז פאַרוואַקסן
מײַן לײַב אינעם לײַב פון געזאַנג.

☆

טראָגן די ליבע אין בלוט, אין די אויגן,
פאַרשליסן דאָס מויל און פאַרהאַקן די ציין.
אַדורך איבער ערד, ווי פײַל פונעם בויגן —
צום ווײַטן, ליכטיקן פאַרגיין.

טראָגן אין זיך מדבריות און ימען,
און פעלדער, אוןביימער פון סאָד און פון וואַלד,
און זײַן מיט זיך — ווען מיט אַלעמען צוזאַמען,
און שטיל — ווען דער שטורעם באַפאַלט.

צום גורל

זיך קוים אַוועקגעזעצט, זיך נאָך ניט אָפּגערוט —
און שוין יאָגסטו מיך ווידער אין די ווײַטן.
אָ גורל מײַנער! כ׳נעם דאָך אָן פֿאַר גוט
די שטורעמווינטן פֿון אַלע דײַנע זײַטן.

וואָס ווילסטו? איז מײַן נאָכגיביקייט דיר קנאַפּ?
האָסט אַלץ מיר צוגענומען — גאָרנישט אָפּגעגעבן.
צי גרייטסטו שוין פֿאַר מיר אַ נײַעם קלאַפּ —
און איך זאָל מוזן ווידער בלײַבן לעבן?

דאָס איינציקע וואָרט

אזוי פיל ווערטער שוין געזאָגט,
דאָס איינציק וואָרט איז נאָך נישטאָ.
זיך אָנגעמאַטערט, אָנגעפּלאָגט,
פון פרי פאַר טאָג ביז שפּעטסטער שעה.

געוואָלט באַגרײַפן און געפאָרשט
דעם זין פון לעבן און פון אמת.
געבליבן איז דער שאַרפער דאָרשט —
דערגאַנגען קוים צום ערשטן רמז.

איך האָב פאַרשריבן מײַן ליד

איך האָב פאַרשריבן מײַן ליד אויף אַ גילדענעם טאָוול
מיט יידישע כּשרע אותיות,
און איך האָב דערזען אין צעפּראַלטן שוואַרצאַפּל
געשעענע ניסים און מופתים.

און איך האָב געזען, ווי אַרום נעמט אַלץ טאָגן
און איך שטיי אין מיטן דער וועלט אַליין-איינע,
און איך האָב דערהערט אַ קול, וואָס טוט זאָגן:
— זאָלן לעבעדיק ווערן פון טויטע די ביינער.

אַ ליד אַזאַ

מײַנע שורות רויטע, ווי רובינען,
פליִען צווישן שטח, צווישן צײַט.
וועל איך ווידער זיי אַ מאָל געפינען
אויף מײַן וועג צו סאַמע לעצטער ווײַט?

מײַנע שורות בלויע, ווי סאַפּירן,
שווימען העלע צווישן וואָר און טרוים.
אומעטן און צערן מיך פירן
פון דעם תהום ביז ליכטיקייט פון רוים.

מײַנע שורות — שטערן אין די הייכן —
אַלע איידלשטיינער, פאַרב נאָך פאַרב.
זאָג, באַשעפער, וועל איך זיי דערגרייכן
איידער נאָך איך שטאַרב?

☆

אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוווויגן,
אויסגעפּאָרשט דעם גאַנג פון שטערן.
אויפגעעפנט ברייט די אויגן
און דאָס אויער: זען, דערהערן!

אויסגעפּאָרשט פּלאַנעטן־וועגן
און געטויכט צו נידער־תּהומען.
אויסגעציילט דעם שפּריי פון רעגן,
אָפּגעוווויגן זאַנג און זאָמען.

אַלע ווינקעלעך פאַרהילטע
האָט דער מענטש שוין אויפגעעפנט,
נאָר צום טיפן קול פון שטילקייט
קאָן ער מער ניט טרעפן...

ב ט ח ו ן

איך האָף, איך הער ניט אויף צו האָפן.
אַ גרויסער חסד וועט מיט מיר געשען.
איך גלייב, אַז בלייַבן וועט אַ טויער אָפן
פאַר לעצטן אויפלייַכט מייַנעם אינעם בלענד.

איך האָף — מיט מיר געשען וועט דער ווּנדער:
די בענטשונג וועט באַשטראַלן מייַן פאַרגאַנג.
מייַן וועג וועט ווערן לייַכטנדיק ווי צונטער —
ווען איך וועל אים פאַרלאָזן מיט געזאַנג.

בעלות השחר

דו שענקסט מיר דעם שליסל אין דער פרי,
צו עפענען די טויערן פון שלאָף.
ברענגסט נײַע כּוחות פֿאַר מײַן מי,
ווען נאַכט שווימט אַוועק צו איר סוף.

דערפרישסט מיטן טוי מײַן פֿאַרשטאַנד,
די פריקייט דערפרייט מײַן געמיט.
דײַן לויטערע הייליקע האַנט
באַשיצט און פון תהום מיך פֿאַרהיט.

איך זע דײַן האַנט

איך זע דײַן האַנט אין וואַי פון אוראַגאַנען,
איך זע דײַן האַנט אין אויפבראַוז פונעם ווינט.
איך זע זי איבער ימים־אָקעאַנען,
איך זע זי אינעם שמייכל פון אַ קינד.

איך זע דײַן האַנט אין גרינען פון די פעלדער —
זי ברענגט דאָס בלויע בלימל צווישן ווייץ.
איך זע דײַן האַנט, וואָס פילט אָן אַלע וועלדער
מיט שמעקעדיקע ריחות און מיט רייץ.

איך זע דײַן האַנט אין אָנצינד פון די שטערן —
איך זע, זי פירט די זון אין איר אָרביט.
איך זע דײַן האַנט אין בראשית־קראַפט : זאָל ווערן ! —
די האַנט, וואָס שיצט אונדז און פון טויט פאַרהיט.

איך זע דײַן האַנט אין זאַמדן און אין זונען,
און איך אַליין בין אויך אַ פונק פון איר.
אין שווײַגעניש איך האָב זי אויסגעפונען —
און זי האָט מיך באַלעבט מיט איר באַריר.

צ י י כ נ ס

זיי זײַנען אומעטום די סודותדיקע צייכנס.
אַ מאָל, אין וואָלקנשפּראַך דערהער איך זייער שטים,
אַ מאָל, זיי ווײַזן זיך, ווי שטערן אין די הייכן,
אַ מאָל — אין רויש פון וואַלד צווישן בלעטער גרין.

איך זע אַ מאָל אַ פּנים — ניט פון קיין האַנט געמאָלן,
אַ שטריך פון ליכט און שאָטן אין אָפּגלאַנץ אויף אַ וואַנט.
ווײַטע צוקונפטן אין פאַרשווונדענע אַמאָלן
צירקלען, צייכענען זיך פאַר מײַנע אויגן נאָך אַנאַנד.

פול מיט באַדײַט איז אָפט אַ ליניע, אַ פּשוטע און ריינע.
איך זע אָפט אויך צווישן זאַמדן אַ פאַרגעסענע געשטאַלט.
אַט קומט צוריק אַ מענטש פון פאַרשווונדענע חלומות
און טראָגט זיך שאָטנדיק און ווינטיק דורכן וואַלד.

איך פאָרש, איך דרינג אַרײַן, פאַרטיף זיך אין די צייכנס —
געהיימע שריפט איך לייען שטילערהייט.
און עמעצענס אַ קול דערגרייכט מיך פון די הייכן:
— עס קומט דער טאָג פון אויסלייזונג, זײַ גרייט!

אַ ווײַסע וואַזע

די ווײַסע וואַזע אויף מײַן פענצטער
איז אײַנגעהילט מיט דער נאַכט.
דער בלוי אַרום איר איז דער ענגסטער —
איר ווײַסקײַט בלאַנקט און לאַכט.

פאַר טאָג — די בלויקייט ווערט העלער,
די ליכטיקייט מישט זיך מיט נאַכט.
די ווײַסקייט ווערט ווײַסער, און שנעלער
דער טאָג אין איר נאָענט דערוואַכט.

עס הענגט נאָך די שיטערע בלויקייט,
דער דינינקער הויך פון פאַרטאָג.
איך זע: ווי עס וויגן זיך טרוימען
אויף שאָלן פון בלוילעכער וואָג.

☆

באַשעפער, שאַף ניט אָפּ די פּראַכט פון וואָרט פאַר מיר,
טו ניט אָפּ מײַן פאַרגאַף און מײַן פאַרוווּנדער.
דעם נס פון באַשאַף אין ערשטן קלאַנג איך שפּיר —
דײַן „כי טוב" זאָל פון מיר קײן מאָל ניט פאַרשווונדן.

איך הער דאָס געזאַנג פון די שטערן איבער אונדזער ערד.
טו ניט אָפּ פון מיר דעם נס, אויב אפילו כ'בין אים ניט ווערט.

מײַנע זאָרגעוודיקע הענט

מײַנע זאָרגעוודיקע הענט
העלפֿן דיר — דיך צו דערהאַלטן,
צו דערהויבן
ביז גלויבן.

מײַנע זאָרגעוודיקע הענט
פֿלאַטערן,
ווי פֿליגל אין צעשויבער.
זיי בעטן דיך און רופֿן:
ווער אַ גלויבער.

מײַנע מידע הענט
זײַנען שטיל צו דיר געווענדט.

ב ר י ו ו

אַ פּעקל ברייוו... עס שמעקט מיט דופט און שטויב
פון ערגעצלאַנד, פון יוגנטלאַנד אַרויס.
אַ זילבערצוים פון קריגערס שטאָלצן פערד.
אַ רויטער סקאַלפּ. אַ הענטל פון אַ שווערד.

אַ בינטל ברייוו... איך זיץ ביי דעם און קלער,
ווי בלינד דאָס האַרץ איז קריגסצייט פאַר אַ טרער:
ווען יענעמס אויג האָט זיך צעגלאָצט אין שרעק,
האָב איך סקאַלפּירט, געכאַפּט עס און אַוועק.

מיַין תפילה

באַהיט מיך, גאָט מײַנער, פון שנאת חינם,
לאָז רויִק און ריין מײַן האַרץ און געמיט.
און ווו איך וועל גיין, ווו כ'וועל זיך געפינען —
פון קנאה, רבונו של עולם, באַהיט.

די ליבשאַפט אין מיר זאָל קיין מאָל פאַרדאַרבן
נאָר אַ לויטערע בלײַבן ביזן לעצטן טאָג,
און אויך אין דער רגע פון שטאַרבן —
זאָל זײַן זי מײַן לעצטער פאַרמאָג!

אַנונג

אויף שוועלן פון בײַטן אַ ציטערדיק אָנען.
אין אָנשווים פון נעפּל דערגריסט זיך אַ שטים.
אַ קול קומט פון ווײַט און דערגרייכט אונדז, פון וואַנען?
און נעמט אונדז אַרום, און געהאָרכזאַם צו אים —
מיר ציטערן אויף, ווי אַ בוים פאַרן רעגן
און שטרענגען צו ווײַטקייטן אָן דאָס געהער:
פון וואָס פאַראַ וועלט און פאַרבאָרגעניש־וועגן
איז אָנזאָג פון ערגעץ דערפלויגן אַהער?
די שטילקייטן שוועבן. אַ שטים פול באַטײַט
פון טיפן באַהאַלטענע ברענגט אונדז אַ וואָרט.
דאָס וואָרט איז אונדז פרעמד און דאָס קול איז אונדז ווײַט,
די אָנונג בלויז פירט אונדז צום ריכטיקן אָרט.

ייִדישער אות

אַ ליכטיקייט טיילט זיך אַרויס פֿון כאַאָס
אין זוניקן זין פֿונעם ייִדישן אות.

דער פֿאַרמלאָזער תּוהו דעם פֿורעם געבערט.
בראשית גיט תּיקון דעם הימל־און־ערד.

דעם אלפֿס פֿיר פֿליגל צו וועלטן געווענדט —
אין אַלע פֿיר זײַטן — פֿון ליכטיקייט בלענדט.

דער קלאָרער בראשית הייבט אָן זיך פֿון בית —
דעם סוד פֿון דער שאַפֿונג בלויז גאָט איינער ווייס.

די בית איז בראשית, אלף — אלהים.
פּלאַנעטן און זונען — די געטלעכע שטים.

פֿון תּוהו ובוהו געבוירן נאָר וואָס
שווימט אויף די געשטאַלט פֿונעם ייִדישן אות.

און ווײַטער, וואָס ווײַטער פֿון אַלף ביז תּיו —
אַלץ ליכטיקער ווערט צום אומענדלעכן סוף.

דעם סאַמע טיפסטן בלוי פון מײַן געמיט

ה. לייוויק

דעם סאַמע טיפסטן בלוי פון מײַן געמיט
האָב איך אַרײַנגעצערט אין שורות פון מײַן ליד.
דערפאַר איז טײַער מיר אַ יעדער איינציק אות,
ווי בײַ דער זון — די פאַרבן רויט און ראָז.

דעם סאַמע טיפסטן טרויער פון געמיט
איך האָב אין סטאַנצאַס פון מײַן ליד פאַרהיט.
דערפאַר איז נאָענט מיר אַזוי און טײַער
דער סוד פון אותיות און פײַער.

רו

די אַלע געשטאַלטן הײַנט ליגן און רוען.
זיי וואַנדערן ניט אין די אייבערשטע פלאַכן.
אין הימל אָן וואָלקנס, דעם מילדן און רונדן,
איך זע די פאַרבאָרגענע סודות פון זאַכן.

זיי רוען אין שטומקייט. און טיף־בלויע שלייערס
פאַר אויגן געפּרווועטע די גרוילן פאַרהילן.
אַ שווייַגעניש דעקט צו די וואַכקייט פון אויער
און אַלע געשרייען פון דרויסן פאַרשטילן.

מייַן האַרץ איז אויך רויִק, ווייַל אין הייכן איז רויִק.
איך הער בלויז אַ פליסטער פון שטימען גאָר דינע:
„ווי טויען באַגינען, וואָס רוען אויף בלומען —
אַזוי רוען זיי תחת כנפי השכינה" — — —

שטילקייט

די שטילקייט פֿאַרמאַגט אַלע שטימען,
די שטומקייט פֿאַרמאַגט איר געזאַנג.
די פֿרייד קאָן זיך מער ניט באַרימען —
איך גיי מיטן טרויער מײַן גאַנג.

די שטימען אין שטילקייט זיך וויגן,
די שטילקייט זיך וועקט אין אַ קלאַנג.
די שטומקייט נעמט מורמלען אַ ניגון
בײַם וויגל פֿון וואָרט און געזאַנג.

אַ ברכה

אַ ציבעלע, אַ רעטעך, אַ שוואַרצער פּענעץ ברויט,
און פלוימען, און טרויבן, און עפּל געל־און־רויט.
אַ טרונק פון קוואַליק וואַסער, מחיהדיק ווי וויַין —
געבענטשט זאָל דאָס לעבן אין אַלע לעבנס זיַין.

מײַנע הענט

מײַנע הענט, די קלײנע, ציִען זיך צו הייכן
און צווײַגן זיך, ווי פֿון פֿאַרבענקטן בוים.
די גאַנצע וועלט וויל איך דערגרייכן,
דערגיין די נסים און סודות פֿונעם רוים.

מײַנע הענט, די קלײנע, זיי ווילן פֿאַרקריצן
מחשבה און זעונג — פֿון גאָט מיר פֿאַרטרויט.
איך גיי אינעם שטורעם, און פּלוצעם — די בליצן
באַלויכטן מרחקים מיט גרין און מיט רויט.

אַ רוימיש ייִנגל

דו שטייסט פאַר מיר מיט גלידער שלאַנקע.
געקרוינט דײַן קאָפּ איז, מילד — דײַן בליק.
און ס׳שמייכלען דײַנע ציין די בלאַנקע
מיט שײַן פון יונגע פרייד און גליק.

נאָך פריש און שפּרודלדיק, ווי וואַסער,
איז דײַן געזאַנג, און פרײַ פון פּײַן.
דער מאַרמאָר פון דײַן לייב ווערט בלאַסער
און פינקלט ווי אַ העלער ווײַן.

ווי אַ שטאָלענע רייף

דער ווייַ אַרום מיר, ווי אַ שטאָלענע רייף.
ער רינגלט אַרום מיך און צוימט מיר מייַן מוט.
פון אים איז קיין אויסוועג נישטאָ, קיין אַנטלויף —
און איבער מייַן קאָפּ די צעפּאָכעטע רוט.

און פרייַ ווער איך בלויז אין דער שעה פון מייַן שלאָף,
ווען כ'זינק איין אין טיפן תהום פון דער נאַכט.
נאָר לעבן מייַן בעט בלייַבט זיצן די שטראָף
מיט אַלע יסורים פאַר מיר — און זי וואַכט.

האַלבטאָג

דער האַלבטאָג קוקט אַרײַן צו מיר אין פֿענצטער
און רעדט צו מיר מיט שאַרפֿקייט — כ׳זאָל דערהערן:
דו קוק אין שפּיגל — איך בין ווײַט נאָך, מיינסטו? —
און זע די צייכנס מײַנע אויף דײַן שטערן.

דער הויכער האַלבטאָג גייט אַרום אויף שטאָלצן
און לענגער ווערט זײַן שאָטן אויפֿן זאַמד.
די צײַט האָט שוין אַזוי פֿיל זון צעשמאָלצן —
אָ האַלבטאָג, שטעל פֿאַמעלעכער דײַן גאַנג!

האַרבסט

די ערשטע געלע בלעטער פאַלן צו דער ערד,
די ביימער האָבן שוין די שטים פון האַרבסט דערהערט.
זיי הייבן אָן צו וויגן זיך אין ווינט
און וואַיען לידער פונעם ווי און ווינד.

נאָר אין דער הייך — די קרוינען נאָך אין גאָלד —
אַ פויגל שטייט און זינגט נאָך פון אַ מאָל.
דער וואַלד האָט זיך אַ ווײַלע אײַנגעהערט.
די ערשטע געלע בלעטער פאַלן צו דער ערד.

איך לערן

איך הער דאָס לשון פון די שטערן,
און פונעם גראָז די שטילע שפּראַך
איז נאָענט מיר — איך קום און לערן
דעם וועג פון טאָג און פון דער נאַכט.

איך זע די לויטערקייט פון פײַער,
די טיפקייט פונעם הימלס בלוי.
די וועלט איז ליב, און ס׳ווערט מיר טײַער
דער סוד, וואָס איז מיר אָנגעטרויט.

ליבשאַפּט

ליבשאַפט! דו זאָלסט מיר קיין קנעכטשאַפט ניט ווערן,
קיין קייטן ניט אָנטאָן אויף האַרץ און אויף גוף.
לאָז טיפער דערזען און דערהערן די שטערן,
וואָס ברענגען פון אַנדערע וועלטן דעם רוף.

ליבשאַפט! דו העלף מיר בלויז ווײַטער צו לעבן,
מיט אָפענע אויגן די שיינקייט צו זען,
— אַנטפּלעקן די סודות וואָס גאָט האָט געגעבן
און אַלץ וואָס וועט זײַן נאָך, און אַלץ וואָס געווען.

טינט און פּאַפּיר

עס וואַרט אויף מײַן טיש שוין אַ ליכטיקער בויגן
און גרייט זיך פאַרנעמען מײַן אומעט און פרייד.
אַ חבר מײַן גוטער, איך טרוי דיר די אויגן —
זאַפּסט אײַן און באַהאַלטסט מײַנע סודות און רייד.

מײַן גרוס און מײַן דאַנק פאַר אײַך, מענטשן איר ווײַטע!
געמאַכט האָט איר קלאָר מיר דעם סוד פון פּאַפּיר,
דעם סוד פונעם טינט — פונעם שוואַרצן אויף ווײַסן,
דעם וווּנדער פון וואָרטיקן ביידנס באַריר.

מיט צייכנס צו קאָנען אויף אייביק פאַרשרײַבן
די שורות פון לעבן און בשורות פון טויט,
און שפּעטער פון ווערטער דעם טרויער פאַרטרײַבן,
און פאַרעמען זיי, ווי פון טייגן דאָס ברויט.

געזאַנג

מײַן האַרץ — אין געזאַנג פֿון דער װעלט,
אין ריטעם פֿון ימען און שטערן.
מײַן האַרץ װערט צעװאָרעמט, צעהעלט
אין שײנקײט פֿון זען און פֿון הערן.

מײַן האַרץ — אין געװײן פֿון דער ערד —
אין איר צער, אין איר װײ, אין איר טרױער,
און אָט דאָס געװײן װערט דערהערט
אין ליד, װי אַ שטילער באַדױער.

בײַ נאַכט

בײַ נאַכט דאָס לעבן — איז אַן אַנדער לעבן.
די שטילקייט קריגט אַ שטים, דער חושך — ליכט.
און אַלע מינים ווידמונגען-געוועבן
באַווײַזן זייער אמתדיק געזיכט.

און ווען די שאָטנס שטײַגן פון די ווינקלען,
דאַן וויקלט אויף זיך גאָר אַן אַנדער וואָר.
די ברעקלעך שײַן צעפּלעמלען זיך און פינקלען —
שטאַפּעטעלעך פון סודותדיקן ד אָ ר ט.

וועגן זיך

איך טראָג אין זיך די קנוילן פון כאַאָסן,
און דאָך, מײַן וועג ליגט גלײַך פאַר מיר און קלאָר;
פאַרוואַנדלט שנאה, האַסן און פאַרדראָסן
אין ליבשאַפטן — ווי וואָלקנס אין קאַיאָר.

איך גיי מײַן וועג פון אומעטן און פריידן
צום קלאַנג פון ליד און פון אַנטפּלעקטן וואָרט.
איך האָב געהערט די שטים פון מדבר ריידן,
געקושט זיך מיט די שטיינער פון אַן אָרט.

וואָס איז אַנטפּלעקט פאַר איינעם בלויז — פאַר יענעם,
וואָס דורשט און פאַרשט אין זיך דאָס אייגן ליכט.
איך גיי דורך דעם גן־עדן און גיהנום
אַליין — די זון בלויז חתמעט מײַן געזיכט.

אַ שטים

אַ שטים באַגלייט מיך אויף די וועגן,
דאָס קול פאַרוואַנדלט זיך אין וואָרט
און פירט די טריט און טוט באַוועגן
מײַן שווערן גאַנג פון אָרט צו אָרט.

די שטים איז שטיל, די שטים איז שטענדיק,
ווי דממה דקה זי באַפעלט:
דו גיי צו הייכן, ריין און בלענדיק,
און שטײַג אויף באַרג, ווו אמת העלט.

מײַנע זעגלען

די בלעטעלעך, פֿאַרשריבענע בײַ נאַכט —
זײ זײַנען װײַסע זעגלען אויף מײַנע שיפֿן,
און װען די שכנים שלאָפֿן, בין איך װאַך
און טראָג זיך איבער ימען, איבער טיפֿן.

די נאַכט־שעהען מיך אײַלן אין געיעג.
איך הער די שטים פֿון שטילקייטן געהיימע.
דורך היילן טונקעלע לײַכט־אויף מײַן װעג
פֿאַרבײַ די שטעט מיט שלאָפֿנדיקע היימען.

דורך אומבאַקאַנטע לענדער, דורך דער נאַכט —
איך קום צום לויטערלאַנד פֿון די אופּירן.
די זעגלען בלענדן. כ׳האָב פֿון דאָרט געבראַכט
דעם בלויען װײַזער װײַטער מיך צו פֿירן.

אויף וועגן

אַלץ מער שיפּועדיק עס ווערן מײַנע וועגן.
מיך פירט צו הייך אַ קוים-דערקענטער שטעג.
די יונגע הירשן קומען מיר אַנטקעגן
מיט הערנער אין די דורכגעלעבטע טעג.

מײַן האַרץ קלאַפּט האַסטיקער, לויפט שנעלער.
מײַן בליק צום ווײַטן הימל איך דערהויב.
און איך דערזע אַלץ דורכזיכטיקער, העלער,
ווי דאָס געררויש צעשפּליטערט זיך אין שטויב.

שטילקייט

רויטע מערן, שיסלען בלויען,
גרינסן אויף אַ ווײַסן טיש.
פֿלינקע פֿינגער, שפּײַזן רויע —
בונטע פֿאַרבן אין געמיש.

וואַסער שפּרודלט אינעם גלאָז —
דורשטיקן צו שטילן גרייט.
און דאָס מיידעלע אין גראָז
שווײַגט: דער טאָג פֿאַרגייט.

שפּעטע נאַכט

שפּעטע נאַכט. ווײַט איז נאָך דער טאָג.
מענטשן טיף נאָך שלאָפֿן.
אָפֿן איז דער ספר. ס׳וואָרט דער זאָג
פֿון אַן אָפּגעפֿלויגענע עפּאָכע.

דער זאָג איז טיף, און וואָרט נאָך וואָרט
איך שעפּ אָן פֿון די ברונעמער פֿון חכמה.
טיפֿער אַלץ איך גראָב צו אַ פֿאַרגעסן אָרט —
און איך דורשט אַלץ ווײַטער, און אַלץ נאָך מער.

☆

אין צאַרטקייט לעצטער שפּרייטן זיך, ווי וווּנדער, די מינוטן
און אין די אַנגסטן ציִען זיך, ווי בלומען, ליַיכטע הענט.
אין שטילקייט זעט דער מענטש זיַין סוף, און גרייט זיך,
אַ בּאַרוטער,
צו וויַיטקייט זיך אָוועקגעבן, צו בּלויקייט און צו בלענד.

ווי איַינגעדרייטע שלאַנגען ליגן אומבּאַקאַנטע וועגן.
אין שטילקייט אַ בּאַרוטער ליגט דער מענטש —
ער איז שוין גרייט.
פון אַלעמען שוין אָפּגעשיידט, און אַלעמען פאַרגעבן —
באַהעפט זיך מיט דער אייביקייט, ווי זאַלץ מיט ליַיב פון
ברויט.

אַלץ רעדט צו מיר

אַלץ רעדט צו מיר. איך הער די שטים פון שטיינער און
פון ביימער,
איך הער דעם גרינעם ניגון פון אַ יעדן פעלד און וואַלד.
איך הער דעם אָנקום פונעם וואָרט — פון טיפעניש געהיימער
שטײַגט אויף דאָס וואָרט און פורעמט מײַן געשטאַלט.

☆

פֿאַר זען די וועלט, פֿאַר הערן אירע רעשן,
פֿאַר זען אַ טאָג, אין לויטער אויסגעוואַשן,
פֿאַר הערן פֿון די שטעט די טריט און קלאַנגען,
פֿאַר גיין אַהין, וווּ כ׳בין נאָך ניט געגאַנגען,
פֿאַר אָטעמען די ריחות פֿון די ימען —
מיט אַלע שטערן זינג איך איצט צוזאַמען.

זינג

זינג, מײַן ליד, װעגן מיר דעם אמת,
זינג, מײַן ליד, װי ס'זינגט מײַן האַרץ,
װען איך שנײַד עס און צענעם עס,
װי דער בליץ — דעם הימלשװאַרץ.

װיפל מאָל אין מײַנס אַ שורה
כ'הער דאָס װײנען פון מײַן קינד.
ליד מײַנס, גורט זיך אָן מיט גבורה
אין די פליגל — קעגן װינט.

☆

מיט אייביקייט־טוונגען כ׳קום אין באַריר,
מיט וואַסערן דײַנע, מיט ליכט פון די שטערן.
באַשעפער, באַשערט האָסט אַ ניצוץ אויך מיר —
אַ טיילכל, אַ שטויבל, פון וועלטן וואָס ווערן.

אין בלוט און געביין מײַנעם לעבט דער ניצוץ —
דײַן ברכה פון שאַפן, פון זײַן און פון ווערן.
באַגליקט האָסטו מיך מיטן בעסטן פון גוטס:
באַגרײַפן, דערפילן, דערזען און דערהערן.

איך ברענג יעדע רגע צו דיר ווי אַ שבח
פאַר זײַן, און פאַר זען, און פאַר הערן — פאַר לעבן.
אַ לויב פאַר דײַן טאָג און אַ לויב פאַר דײַן נאַכט —
פאַר יעטוועדער רגע, וואָס איז מיר געגעבן.

אַן איין־און־איינציק וואָרט

פון אַן איין־און־איינציק וואָרט
ווערט אַ וואַלד מיט ווערטער געבאָרן,
ווי פון אַן איינציקן קערנדל —
אַ פעלד מיט קאָרן.

ס'איז דאָס וואָרט, וואָס רירט־אויף
די פאַרבאָרגענע גרונטן.
דאָס וואָרט געדייַט און וואַקסט
פון די טיפענישן, וואָס אונטן.

דאָס וואָרט הייבט־אויף די דרעמל־שיכטן,
דאָס וואָרט שייַנט־אויף פון חושך געדיכטן,
דאָס געהיימע ווערט קלאָר פון דער וואָרט־באַרירונג —
און ס'צעפראַלן זיך טירן מיט דימענט־קאָלירן.

דורך מיר

דורך מיר באַהעפטן זיך די קלאַנגען
און ווערטער קושן זיך דורך מיר.
די שורות זינגען אויס געזאַנגען —
דורך מיר זיי קייטלען זיך אין שיר.

און וואָס געווען — באַקומט אַ תּיקון,
דורך מיר — עס לעבט אויף ווידער הײַנט,
און אַלע אומגליקן און גליקן
ווערן, ווי געקעלטערט ווײַן.

פיר פאַר טאָג

די זאַכן מיר אַרום באַקומען לשון:
דער טיש האָט מיט אַ שטומשפּראַך זיך צערעדט.
די לעצטע שטערן ווערן אויסגעלאָשן
און יעדע רגע האָט אַן אַנדער ווערט.

און אַנדערש אויך דערזע איך איצט די זאַכן —
אַ יעדע מיט אַנדערן באַטײַט.
די מענטשן שלאָפן, נאָר די ווענט — זיי וואַכן
און היטן גיריק יעדן טראָפּן צײַט.

פֿאַרבײַ אַ בית־עולם

מען האָט זיי דאָ געלאָזט אין זייער טיפֿן שלאָף
און אייביק איז די נאַכט — נישטאָ פֿון איר קיין רעטונג.
דאָ גליוועדט צײַט, אָן אָנהייב, אָן אַ סוף
אויף זייערע מצבות — שטיינער־בעטן.

ווער ווייסט וואָסער אויסזען האָבן זיי געהאַט?
ווער קען די נעמען, אויסגעקריצטע אויף די שטיינער?
אַן אייביק שווײַגן, און אַ חושך וואַכט
אויף די אין קברים שוין צעשטויבטע ביינער.

איך גיי פֿאַרבײַ. איך בלײַב שטיין בײַ דעם פּלויט.
איך קוק דורך דעם געפֿלעכט פֿון שוואַרצע גראַטעס.
אויף אייביק אָפּגעצוימט דאָ ליגט דער טויט,
די איינציקע ירושה פֿון די טאַטעס.

פאַרשלונגען פון טויט

באַהאַלטן פון זונשײַן און טאָגליכט,
און ווײַט פון אַ קלאַנגיקער וועלט —
כ׳וועל ליגן, אויף אייביק פאַרפאַלן,
אין גרינעם און ענדלאָזן פעלד.

אַ ליכטיקער פרילינג וועט קומען,
אַ זומער וועט לויפן צעהעלט,
אין יעשען — דער ווינט וועט אויסברומען
זײַן אָנזאָג פוןווינטער און קעלט.

און ווידער אַ פרילינג וועט אויפשטיין
מיט בלומען — מיט בלוי און מיט רויט.
בלויז איך וועל פון קבר ניט אויפגיין,
נאָר בלײַבן פאַרשלונגען פון טויט.

שטיל זאָל זײַן מײַן אָוונט

שטיל זאָל זײַן מײַן אָוונט אין די לאַנגע בלויע שאָטנס,
וואָס זאַמלען זיך פאַר נאַכט דאָ אויף די פענצטער פון
מײַן היים.
מיט שלווה כ׳גיי אַנטקעגן די תּקנות און געבאָטן,
איך פאָלג זיך יענע שטימע, וואָס קומט אָן צו מיר געהיים.

אין שטילקייט פון מײַן אָוונט זאָל אַ לעצטע, לעצטע תּפילה
פאַרגעבן אויך פאַר אַלע זינד, פון סאַמע אין דער פרי,
און רחמים וועל איך בעטן בלויז מיט ווערטער־סודות שטילע
און דאַנקען כ׳וועל מיט זיי פאַר אַלע וווּנדער פון ניט־הי.

שטיל זאָל זײַן מײַן אָוונט. מיט שלווה־ליכט באַבלויטער,
מײַן נאַכט זאָל צו מיר קומען מיט דײַן צאַרטן וואָרט.
און פאַר דעם לעבן מײַנעם אין דער שײנקייט אַ פאַרטרויטע
זאָל בײַשטיין מיר דער זכות אין הויכן אָרט.

איבערקרייץ

איך שטיי שוין בײַ דעם איבערקרייץ פֿון וועגן:
פֿון וועלכע זײַט וועט קומען די געפֿאַר?
און אַט — אין נעפּל קומט מיר אָן אַנטקעגן
מײַן גורל. אָ, זײַ גוט צו מיר, מײַן גזר!

די בענקשאַפֿט-טײַכן שטראָמען פֿאַר די אויגן.
דער פֿלאַם פֿון צער ברענט-ווערט-ניט-פֿאַרברענט.
עס האָט מיך אָנגערירט דער רעגנבויגן
און מיך געבענטשט מיט זוננגען און בלענד.

צי שטיי איך איצטער פֿאַר בראשית נײַעם,
בײַם אָנהייב פֿון אַ גרויסן ווײַטן וועג?
איך וועל פֿון זון אַ ליכטיקייט אַנטלײַען —
עס זאָל מיר תּטײַען ביז די לעצטע טעג.

זײַ גוט צו מיר

ביסט, לעבן, שלעכט געווען צו מיר. זײַ גוט צו מיר, אַ טויט,
און גיב מיר רו אין מײַנע לעצטעסטע מינוטן.
די אויגן מײַנע זײַנען מיד פון לייד און ניט פון פרייד —
פאַרטוליע מיך מיט בלויע שלייערן פון גוטן.

זאָל אָפּשווימען אויף שטילע אָוונטיקע וואַסערן מײַן שיף —
פון מײַנע טרוקענע און האַרטע פעלדזן-וועגן.
מײַן לעצטע רו צו מיר זאָל קומען פון דער טיף,
געשטאַלטן פון די ליבסטע זאָלן אויפגיין מיר אַנטקעגן.

איך וועל דיר אומקערן

דײַן דופט, די פרישע, פון סאָסנאָווע וועלדער,
דײַן ברויט דאָס אויפגעגעסענע, דײַן קאָרן —
מיט קערפּער מײַנעם אומקערן איך וועל דיר,
מײַן ערד, — קיין זאַך וועט דיר ניט גיין פאַרלאָרן.

דײַן ליכט אין מײַנע טונקעלע צוויי אויגן,
דײַן רוף, וואָס הילכט און קלינגט אַפּ אין מײַן קול —
איך וועל דיר, אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוווױגן,
צוריק אָפּגעבן אין דעם לעצטן מאָל.

איך בין אַוועק צו זיך

איך בין אַוועק צו זיך, אין מײַן פולער שטילקייט —
אין טיפער שטילקייט — זיך אַליין צו הערן,
און אײַנצוזאַמלען פאַר דער שפּעטער מילדקייט
די יונגע יאָרן, מײַנע הייסע טרערן.

איך גיי איצט דורך די וועגן, פון לאַנג שוין דורכגעגאַנגען.
איך טראָג זיך דורך די לענדער, ווו איך האָב געוואַנדערט.
איך וועק אויף די אַמאָליקע געזאַנגען —
דאַכט זיך, ווי געווען, און דאָך — ווי שרעקלעך אַנדערש!

געוועז

געוועז בײַ די קוואַלן פון גליק
און אויך דורך דעם אומגליק געגאַנגען.
איצט מאַך איך דעם וועג אויף צוריק —
צום באַרגשפּיץ פון מײַנע געזאַנגען.

דאָרט ווינקען די פּנימער בלוי —
פאַרשוווּנדענע ווונדער-געשטאַלטן.
מײַן אומגליק, ווי זילבער, ווערט גרוי
און ווערט אין די לידער באַהאַלטן.

אַליץ העכער און העכער דער גאַנג,
דעם אָטעם פאַרכאַפּט דאָס געוויטער.
אָט בין איך בײַם קוואַל פון געזאַנג,
מײַן ליבשאַפט וועט בלײַבן דער היטער.

שטילקייטן

פאַראַן אַ שטילקייט, וואָס שלאָפט און שטומט,
פאַראַן אַ שטילקייט, וואָס זינגט און ברומט.

פאַראַן אַ שטילקייט אַ פולע פון פרייד,
פאַראַן אַ שטילקייט מיט פולקייט פון רייד,
פאַראַן אַ שטילקייט, געטונקען אין טרערן,
אַ שטילקייט — קוים צו דערהערן.

פאַראַן אַ שטילקייט אין מעשים אין גרויסע,
פאַראַן אַ שטילקייט אין ווערטער און אותיות,
פאַראַן אַ שטילקייט אין וויי און אין לייד,
אַ שטילקייט — ביַים אָנקום פון טויט.

פאַראַן אַ שטילקייט פון ערב געבאָרן,
אַ שטילקייט פאַראַן איז פון ווערן פאַרלאָרן — — — —
אַ, שטילקייטן אַלע, נעמט מיך אַרום
ביַים סוף, ווען מיַין צונג איז שוין שטום!

אַזוי פיל וואַרעמע ווערטער

אַזוי פיל וואַרעמע ווערטער
אין קאַלטע אויערן גערעדט.
אַזוי פיל פרעמדע ערטער
מיט אייגענעם לעבן באַלעבט.

און לאַנג, אַזוי לאַנג געגאַנגען
אַליין אויפן ליכטיקן וועג,
מיט אָטעם אין מײַנע געזאַנגען
געשטיגן אַליין אויף די טרעפּ.

דעם וואַרעמען אָטעם פון האַפן
געהויכט אויף אַ פראָסטיקער נאַכט,
און ווען איך האָב דאָרט געטראָפן?
ס'האָט קיינער אויף מיר ניט געוואַרט.

לידער מיַינע

לידער מיַינע! כ'האָב געדאַרפט אייך טוליען, היטן,
ווי מען היט אַן אויג אין קאָפּ.
איך האָב געדאַרפט, ווי פאַר אַ בייז געוויטער,
היטן איַיך, מיַין וווּנדערגאָב.

לידער מיַינע — עפּאָס פון די פּיַינען,
וואָס כ'בין דורכגעגאַנגען טאָג נאָך טאָג.
לידער מיַינע, די ענויים־וויַינען,
פולע לאָגלען פאַר מיַין פאָלק איך טראָג!

1969

פייער־כתב

געוועב פון מײַן ליד

גאָלדענע פעדעם פון יוגנט-חלומות,
גאָלדענע זאַנגען פון היימישער ערד,
בלויקייט פון שטילע פאַרבענקטע פאַרנאַכטן,
גרינקייט און קילקייט פון רוסישן פעלד.

טונקעלער שײַן פון די ליכטיקסטע אויגן,
אָפּקלאַנג פון ליבע, פון וואַרעמע רייד,
מאַטקייט און מידקייט פון אויגן פאַרמאַכטע,
שאָרך פון מײַן מאַמעס פאַרנאַכטיקן קלייד —

וועבן און שפּינען די פרייד און דעם טרויער,
זינגען אין שורות, אין טעג, אין די טריט.
ליכטיקע פרייד און מײַן אומעט אין בלויען —
גאָלדענע פעדעם אין וועב פון מײַן ליד.

צוריק

איך בין צו דיר צוריקגעקומען,
מײַן היים — פֿון ווײַטער וועלט צוריק,
מיט פֿרעמדן ווינט אַרומגענומען,
מיט ים אין מײַן צעוויגטן בליק.

געקומען צו די שטילע וועלדער
און צו דעם קלאָרן שמאָלן טײַך.
די יונגע יאָרן איבער פֿעלדער
ליגן אויסגעלייגט נאָך גלײַך.

די ערד איז ריין פֿון אַלע אַשן
און ליב איז מיר אַ יעדנס בליק.
מיט ווײַט און ווי אַרומגעוואַשן —
איך ווער אַ קינד צוריק.

געשטאַלטן

געשטאַלטן פון טאַטן און מאַמען נאָך פּליסן —
אַ ליכט צו מיר שווימט פון דער מאַמעס געזיכט.
פון טאַטן דערטראָגט זיך אַ ריח פון ניסן —
פון ערד מיט געפרוירענעם טוי שוין דערקוויקט.

כ׳האָב ליב יעדעס גרעזל, פון בלומען — די בלויע,
וואָס בלאָנדזשען אַרום צווישן קאָרן און פעלד.
נאָר זע איך די אויגן פון זיידן אין טרויער —
פאַרשטעלט ווערט מיט חושך מײַן קינדערשע וועלט.

ווער?

ווער וועט אײַך קלינגען אין זילבערן גלעקעלע?
ווער וועט אײַך אָנזאָגן: לעבן איז גוט?
ווער וועט די פּחדים אָפּוועגדן, די שרעקיקע,
ווער וועט אויף ס'ניי אײַך באַלאָדן מיט מוט?

ווער וועט די האָפענונג ווידער דערמינטערן?
ווער וועט אײַך געבן דעם גלויבן אין זיך?
ווער וועט אײַך זוניקייט ברענגען דורך ווינטערן?
ווער וועט דורך חושך דערמאָנען דאָס ליכט?

מײַן פאָטער

הויך און שלאַנק.
טונקעלע אויגן.
דורך שוואַרץ צו בלוי
ליבע קוקט אויף מיר.
גאָלדענע רעמלעך,
ליכטיקע רעגנבויגנס,
א פּאַפּיראָס צעפינקלט זיך אין טיר.

טונקעלע פינגער גלעטן,
טונקעלע אויגן שמייכלען,
דורך גלאָז און רעגנבויגן
ליבע קוקט אויף מיר.

ער שטרעקט צו מיר די הענט,
און אויפגעהויבן —
העכער כ׳בין פון אַלע
אין אויסשניט פון דער טיר.

מײַן מאַמע

שוין דרײַצן יאָר אַוועק, און כ'פֿאַרמאָג נאָך ניט דאָס וואָרט,
דײַן געשטאַלט, דײַן לעבן צו באַמאָלן.
איך נישטער אין מײַן לשון, איך זוך אין יעדן יאָר
אַ ליד פֿאַר דיר... צום באַרג ווי קאָנען דען דערהויבן זיך
די טאָלן?

איך זע די אויגן דײַנע, זייער טונקל־ברוינעם טיף,
די ליבשאַפֿט, וואָס פֿלעגט מיך אויף אַלע מײַנע וועגן פֿירן.
איך גיי אַרום. איך לעב. פֿון דיר דײַן בלוט בין איך,
מײַן מאַרך און מײַן געביין נאָך הײַנט דײַן אָטעם שפּירן.

אין מײַנע רייד דערהער איך איצט דײַן קול,
און אין מײַן שורה שווימט אַרום דײַן ניגון.
נאָך וואַקסט אין מיר דײַן יעדעס וואָרט וואָס האָסט אַ מאָל
פֿאַרזאָגט אָן קלאַנג — דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט
אויסגעשוויגן.

דער מאַמעס טויט

די שטומע שאָטנס זײַנען אָנגעקומען,
צעטראָטן אונדזער גליק מיט טויבע טריט,
מיט לאַנגע הענט די מאַמע אָנגענומען —
מיט הענט, וואָס ברענגען קיין מאָל ניט צוריק.

דער פיבער האָט געשטילט אין אירע גלידער.
די מאַמע האָט געזוכט אַרום איר בעט:
„האָסט ליכט?״ — האָט זי געפרעגט, און ווי פון סידור,
געזאָגט דאָס לעצטע גוטסדיק געבעט.

דער טאָג האָט ווײַטער תמוזדיק געזונגען,
די וואַרעמקייט געשטראָמט האָט דורך דער שויב,
און אויף איר מויל די תפילה איז פאַרגאַנגען,
ווי אויף אַ וועלקנדיקער בלום — דער טוי.

אין ווײַסן

דײַנע ליכטיקע אויגן פֿאַרלאָשן,
דײַנע האַרציקע ווערטער פֿאַרשטילט.
אַ ווײַסע שײַן האָט פֿאַרגאָסן
און אין שווײַגן דיך אײַנגעהילט.

און ווײַס איז דאָס ליכט פֿון פֿרימאָרגן,
און ווײַסע — די טרערן פֿון ליכט,
און ווײַסע די ווערטער פֿאַרזאָרגטע
בײַם נייען די לײַוונט אויף גיך.

אַ ווײַסער דער טאָג איז צעצויגן,
מיט ווײַסע לאַנגמײַליקע טריט.
אין ווײַסן, אַריבערגעבויגן —
דער טויט אינעם ווײַסן דיך היט.

שלאָפן־גיין

מאַמע, מוז איך גיין שוין שלאָפן?
איז שוין טאַקע ווידער נאַכט?
ווו זשע איז דער טאָג אַנטלאָפן?
צי מען האָט אים אומגעבראַכט?

יאָ, עס צינדן זיך די שטערן
הינטער מיר, אין הימל, ווײַט.
מאַמע, באַלד וועל איך דערהערן,
ווי עס פליט, פאַרפליט די צײַט.

מאַמע, וועסטו ווידער זינגען
מיר דאָס ליד פון קינדער־שלאָף?
זילבער־גלעקלעך וועלן קלינגען
נאָכן פאַסטעך מיט די שאָף.

איך וועל ווידער ציילן שטערן,
ביז איך וועל נאָר זײַן נאָך וואָך
און דערנאָך אַנטשלאָפן ווערן
אויף אַ לאַנגער נאַכט.

און דערנאָך אַנטשלאָפן ווערן
אויף אַ לאַנגער נאַכט.

אָרעמע זונטיקס

אַ יידישע שטאָט. אַ לעבן פון נויט און געראַנגל.
עס ציִען זיך סטעזשקעס פון דאַנען צום וועג פון דער וועלט.
איך זע נאָך די מענטשן, וואָס לעבן אין שטענדיקן מאַנגל,
די מענטשן, וואָס שטרעקן די האַנט נאָך אַ גראָשן —
דאָס הייסט בײַ זיי געלט.

עס ציִען זיך אָרעמע לײַט — נאָך איצטער זע איך
די געזיכטער
פון אַלטע געבויגענע מענער, פון פרויען מיט קינד
בײַ דער ברוסט.
איך הער נאָך די דומפּיקע שטימען, וואָס ווערן פון בעטלען
געדיכטער,
און רײַסן זיך איבער און ווערן דערשטיקט פון אַ הוסט.

די פרויען — געהילטע אין שמאַטעס פאַרברווינטע און אַלטע.
דער ריח פון שימל געמישט איז מיטן ריח פון פראָסט.
די אויגן, אין אומעט און טונקעלע טיכלעך באַהאַלטן,
מיך דרינגען אַדורך — און איך זע ניט אין זיי קיין
פאַרדראָס.

און איינע פון זיי איז אַ שטומע — זי ווייסט ניט צו בעטן
און שרײַען.
איר פּנים איז געל. פון איר האַלדז זיך דערטראָגט אַ געברום.
איר מויל איז אָן ציינער. די ליפּן אויף שנעל עפּעס קײַען.
„דער אייבערשטער האָט איר דאָס לשון פאַרשלאָסן" —
זאָגט עמעצער פרום.

די זונטיקס פֿאַרפֿולטע מיט טיילן צו מענטשן נדבות.
זיי ציִען אַדורך אונדזער שטוב און איך הער נאָך די רייד.
איך הער די געשרייען און קללות און אויך זייער לויבן
און ברכות,
איך זע, ווי זיי לייגן אַרײַן אין די טאָרבעס דאָס ברויט.

זיי גייען אַוועק ווען דער טאָג איז צו ענד. אַ מאָל
אין פֿאַרנאַכטן
פֿאַרבלאָנדזשען נאָך עטלעכע אָרעמע מענטשן פֿאַרשמאַכט.
זיי האָבן פֿאַרשפּעטיקט? די היימען פֿאַרגעסן? די בליקן
פֿאַרטראַכטע
מיט אומרו און שרעק ווערן פֿול און דער לויער אַרום זיי
דערוואַכט.

דער פּחד פֿון זייער שוואַרצאַפּל איצט טונקלט בײַ מיר
אין די אויגן.
מיט אָרעמען ברוין ווערט פֿאַרגאָסן דאָס בלוט פֿון מײַן האַרץ.
דורך צענדליקער יאָרן, וואָס זײַנען זינט דאַן שוין
פֿאַרפֿלויגן —
בײַ דרום-זון דאָ בליט נאָך אַלץ זייער טיף-טיפֿער שוואַרץ.

פוסט און לער

פון דאָרט דערטראָגט זיך ניט קיין אָפּגלאַנץ פון אַ שאָטן,
קיין אָפּהילך פון אַ קלאַנג.
טאַטע מײַנער! דו האָסט געזאָגט „ומצילנו מידם"
אין פּסחדיקן נוסח און געזאַנג.

און דאָ — די וועלט איז פרײַ פאַר אונדז, נאָר דאַכט זיך,
אַז אַלע גאַסן זײַנען פּוסט און לער.
מײַן קאָפּ אין אַלע ווענט פון שטאָט איך האַק זיך,
מײַן האַרץ — פון אַלע שטיינער זײַנען שווער.

איך בין געבליבן לעבן, און דער שטורעם
אַוועק פון מיר איז אָן אַ זייט.
איך לעב, נאָר אויסגעליידיקט איז מײַן פורעם;
איך לעב, נאָר טויט איז אַלץ מיט זיי דאָרט ווײַט.

קין קומט

באַשעפער,
פאַר וואָס האָסטו קינען פאַרהיט
און אים אָפּגעצייכנט
און איבערגעלאָזט אויף אייביק?

אָט גייט ער,
מיט מאָרדלוסט אויף זײַן מאָרדע,
מיט ביקס און שווערד
און מיט באָמבע אין די פויסטן.

ער קומט,
ער קומט צום לעצטן אומקום,
ער קומט פאַרניכטן דײַן שאַפונג,
ער קומט די ליכטיקייט פאַרלעשן —
אויף אייביק.

ווי ביאַליסטאָק*

ווי ביאַליסטאָק וועט ברענען באַלד בערלין,
ווי בריסק און ווילנע — רויכערן וועט מינכען,
און דײַטשן — אָן אַ ציל, ווי הפקר־הינט
און שטשורעס, וועלן בלאָנדזשען צווישן חורבות.

אויף זייער לאַנד פון מאַכט און בלוט־געגנום
אָן אויפהער וועלן טויטגעפאַרן לויערן.
בײַם אומקום וועט ניט זײַן פאַר זיי קיין זכות,
און פאַלן וועלן פעסטונג־ווענט און מויערן.

„איך גיי הײַנט איבער לענדער, משפט פעלקער.
איך צייל די מעשים, און איך וועג און מעסט.
צוליב די שולדיקע אויך לײַדן די גערעכטע —
און אויך די פייגעלעך אין זייער נעסט".

אַזוי הייסט מיך אַ קול באַפעלן, זאָגן:
„פאַרשרײַב דעם פולן חשבון פאַר דער טאַט.
די ערד וועט זיי ניט האַלטן און ניט טראָגן
ביז די נקמה זײַן וועט פול און זאַט".

---

* פאַרעפנטלעכט דעם 19טן סעפטעמבער 1941 אין „קאַליפאָרניער יידישע שטימע". אין יענע טעג האָט דאָס ליד געקלונגען ווי אַ נבואה. (באַמ. פון רעדאַקטאָר)

פײַער־פּנים

פֿאַר טאָג האָב איך געזען זײַן פּײַער־פּנים אויף אַ קבֿר
און פֿאַר זײַן בלענד האָב איך מיט בײדע הענט פֿאַרשטעלט
די אויגן.
די אויפֿגעשטאַנענע פֿון קבֿרים און די לעבעדיק־באַגראָבענע
פֿון גרוב
זײַנען איבער די בלויקייטן. אין דער הייך, אַנטקעגן אים
געפֿלויגן.

און גאָר באַזונדער דאָרט, אין סאַמע מזרח פֿון דער וועלט,
זײַנען די ייִדישע קינדערלעך, ווי לעבעדיקע, פֿאַר אים
געשטאַנען.
צוויי פֿליגל בלויליכטע האָבן אין די הייכן אויפֿגעהעלט
און אײַנגעשטילט די פֿלאַקער־פּײַער־פֿלאַמען — ניט
פֿון דאַנען.

און מזרחדיקער נאָך האָט געפֿירט אַ וועג —
פֿון דאָרטן האָבן צו די קינדערלעך געבויגן
אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ. יצחק — מיטן האַלדז צום חלף
אויסגעשטרעקט,
אַבֿרהם און יעקבֿ — מיט זעונגען אין די פֿאַרטרערטע אויגן.

געווען אין זייער שפּאַן איז: פֿלי, געפֿאַך און שנעל געאײַל,
געווען איז אין דעם גאַנג אַ שפּאַנונג ניט פֿון דאַנען,
און געשטרעק פֿון גוף, און יעדער שפּרײַז — אַ מײַל,
און ליבשאַפֿט, און טרויער, און ווייטיק פֿון דערמאַנען.

זיי האָבן דורך מרחקים צו די פאַרברענטע קינדערלעך
געאײַלט.
די קינדערלעך, אַרומגעהילטע מיט בלויוואָלקנס, ווי
מיט פליגל,
האָבן דערפילט, ווי די אָבות קומען אָן פון ווײַט
און אַ געזאַנג געזונגען — די ריינע שירה פונעם קינדער-וויגל.

און העכער, העכער נאָך, בײַם העכסטן פונקט פון וועלט,
איז דאָס פײַער-פנים מיט די כּרובים אויפגעשטיגן.
די קינדערלעך-געשטאַלטן און די אָבות האָבן
אויפגעהעלט —
דאָס פײַער-פנים און די כּרובים האָבן אַלץ געשוויגן.

נאָר פלוצים האָט אַ ווײַטער היטער איבער וואָלקנס זיך
צעיאָגט,
און אַ מוטער-געשטאַלט האָט מיט אַ וואָלקנשווערד
אויפגעפאָכעט.
געווען איז עס איבערן אָקעאַן, אין פריסטן,ליכטיקסטן
פאַרטאָג,
מײַנע אויגן האָבן עס געזען, און אַ שטורעמווינט האָט
איבער מיר געאָטעמט.

ווי די אָקעאַן-וואַסערן האָבן געשוימט און געיאָגט — האָב
איך צוגעקוקט,
און ווי אין דרום-זײַט זײַנען חיות הייליקע געשטאַנען,
געמאָנט, געציטערט, געברומט און זיך געבוקט
צו דעם פײַער-פנים איבער די כּרובים, איבער דער ערד
און איבער אַלע אָקעאַנען.

דערזען

כ'האָב דערזען פון דער שכינה די טרערן,
ווען ער הערט פון דער וועלט דאָס געוויין.
מיט די טויען אויף גאָלדענע שטערן
איצט וויינט כּביכול אַליין.

און די ביימער, די גראָזן — ניט שלאָפן —
אויך זיי וויינען, אויך זיי זײַנען וואַך.
און דאָס בלאַט אינעם ספר איז אָפן
און פאַרשרײַבט אַלץ בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

שנײ

שנײ אויף בײמער, שנײ אויף שטיבער.
װײַסער בלענד. די הימלען גראָ.
איצטער טראָג איך זיך אַריבער
צו מײַן שטאָט, װאָס איז ניטאָ.

טיפֿע שטילקײטן זיך שפּרײטן
און קײן קול פֿון דאָרט ניטאָ.
איבער פֿעלדער ניט־פֿאַרזײטע
שװאַרצט אַ שנאָבלדיקע קראָ.

קבֿרים. די מיליאָנען ליגן —
װער באַהאַלטן און װער ניט.
װינטן װאָיען און פֿאַרװיגן
אַלע אַשן מיט אײן ליד.

פײַער־כתב

מײַנע נאָענטסטע אין טרעבלינקע — לזכרון

דער חושך האָט געטראָגן מיט שנעלקײט אומגעהײַער
אַן אָפּגעריסן בלאַט, אַ בלאַט פון פלאַקער־פײַער.

דאָס בלאַט האָט ניט קײן אותיות, גאָרנישט אױפגעשריבן,
נאָר טיפער, גרױסער זינען איז אױף אים פאַרבליבן.

דאָס בלאַט פליט אין דער הײך, ברידערט זיך מיט װאָלקנס,
זײַן גליִענדיקער רױט האָט דעם חושך אױפגעשפּאָלטן.

װער איז דאָס רױטע בלאַט, װאָס פליט אין הױכע רױמען? —
אַ שטיק פײַער אין דער נאַכט, פון טרעבלינקער קױמען?

אַ תורה־פּאַרמעט אפשר? צי פלאַמען פון מגילות?
אַ טײל פון די פּנקסים פון פאַרטיליקטע קהילות?

דאָס בלאַט פליט אױף אַ װאָלקן, צינדט אים און פליט װײַטער,
לאָזט איבער נאָך זיך אַש, שיריים פונעם שײַטער.

אַ קול הײבט אָן זיך װעקן, די שטים שטײַגט הױך און רעדט —
דורך חושך, דורך שטחים, איבער ימים, שטעט:

„דאָס בלאַט װערט אָפּגעהיט, פאַרזיגלט און באַהאַלטן —
מיט אים כ׳װעל פעלקער שטראָפן, װי מיט די לוחות אַלטע.

„אַ חשבון איז דאָס פֿאַר פֿאַרברענטע גופֿים, ספֿרים,
און מאָנען כ׳וועל פֿאַר אַלץ, פֿאַר אַלע ברידער־קבֿרים,

„און אויך פֿאַר די, וואָס מ׳האָט אָן שפּור פֿאַרברענט,
פֿאַרשניטן —
וועל איך דאָס כּתבֿ פֿון פֿײַער אין אייביקייט פֿאַרהיטן״. — —

דאָס בלאַט האָט דורכגעפּלאַקערט און זיך אויסגעלאָשן,
נאָר געבליבן איז די שטים פֿון פֿײַער־לשון.

צו פּאַריז

1

אין שווערן צער פאַרזונקען — איך זע דיך איצט, פּאַריז.
דו האָסט ווי טויזנט בינשטאָקן געזשומט,
פון פרי פאַר טאָג ביז שפּעטסטן שפּעט,
מיט קלאַנג, מיט ליד, מיט מי,
מיט שטימעס פון מיליאָנען מענטשן
אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט,
מיט שכל פון ליבשאַפט,
מיט שטאָלץ פון פריַי זיַין.

מיט ליַיכטן וויַין, מיט קלוגן וואָרט און שמייכל,
מיט גוטן האַרץ און פריַינדשאַפט,
מיט ברודערשאַפט און גליַיכהייט. —
פאַר קעמפער פון די פרעמדע לענדער
ביסט מוטערלאַנד געוואָרן,
געגעבן זיי אַ דאַך און שטילקייט.

אַזאַ איך זע דיך איצט, פּאַריז —
מיט אויגן פון מיַין פריִער יוגנט.
איך האָב ביַי קוואַלן פון דיַין וויסן
מיַין דורשט געשטילט.
איך פיל נאָך איצט דיַין הייסן אָטעם;
איך זע דיַין טיפן הימל,
די פיַיערן פון דיַינע איַיזן־גיסערייען;

איך הער דעם זשום פון דײַנע פאַבריקן —
פון שפּינרעדער און װעבשטולן,
װאָס װעבן לײַװונטן און זײַדנס,
געװאַנטן און סאַטין־דע־ליאָן,
דעם טיפסטן שװאַרצן סאַמעט
און לײַכטן דורכזיכטיקן װואַל
פאַר די גראַציעזע פרויען־קערפּערס
פון אַלע לענדער —
כאָטש קנאַפּ און קאַרג געװען דער לױן איז
פאַר דײַנע אַרבעטסזין־און־טעכטער.

איך זע די יונגע טרוימער פון מאַנסאַרדעס.
זײ האָבן דיך באַזונגען,
געמעלן דיר געשענקט,
און זײער ליבשאַפט אױסגעפורעמט —
אין װאָרט, אין פאַרב, אין שטײן.

פרײַהײט, ברידערלעכקײט, גלײַכהײט —
דאָס האָסטו מיטן בלוט פון דײַנע זין און טעכטער
אױף דײַן פאָן פאַרשריבן
און פאַר דער גאַנצער װעלט מיט שטאָלץ געטראָגן.
געלױכטן האָבן אָט די װערטער —
דרײַ דימענטן אין אונדזער נאַכט.

2

פאַראײנזאַמט ביסטו איצטער צװישן שטעט,
פאַרשעמט דײַן קאָפּ דער שטאָלצער.

פון דײַנע שפּיצן װײַעט איצט
די סװאַסטיקע פֿאַרשאָלטענע,
דער צײכן פֿון פֿאַרקנעכטונג און פֿון טרויער.
דער שונא האָט אים צוגעטשעפּעט
צו דײַן האַלדז, דעם ניט־דערשאָכטענעם —
צום אײַפֿל־טורעם.

דער טראָט פֿון שונאס שטיװל
אויף דײַנע גאַסן, פּאַריז,
גײט דורך אונדזער אָטעם, אונדזער האַרץ.
אין רויכן פֿון דײַן חורבן
אונדזער קול זיך שטיקט.
אין אַנגסט דערהײבן מיר דעם בליק,
מיר זאַמלען אויף דעם לעצטן גלויבן
און דאָס געהער מיר שפּיזן אָן —
צום אָנקום פֿון באַפֿרײַער.
פּאַריז,
דער שונא האָט דיך ניט פֿאַרברענט,
נאָר אָנגעצונדן.

כימערעס פֿון נאָטרדאַם
איצט שפּאַצירן אין מיטן טאָגליכט
אויף דײַנע טראָטואַרן.
זײ שמײכלען װיסט, זײ לאַכן
אין פּנים פֿון דײַנע קינדער,
װאָס זײַנען, אונטערדריקטע,
אונטערטעניק ניט געװאָרן.
ביסט איצט אַלײן װי קװאַזימאָדאָ,

און שווער איז פאַר דער גאַנצער וועלט,
וואָס קאָן אָן פרײַהייט גאָרניט לעבן —
דער שווערער האָרב,
דער יאָך אויף דײַנע אַקסלען.

3

איצט,
ווען ביסט צו שאַנד און שפּאָט געוואָרן,
פאַרמאָגסטו דאָך אַ בוים, אַ שטיקל שאָטן,
אַ פליסטער פון אַ נאַכט —
די גוטסקייט פון דײַן ערד —
די ברידער־שוועסטער מײַנע צו פאַרהילן,
אַ ביסל שלאָף זיי געבן,
און כּוחות נײַע צום פרימאָרגן
פון טאָג דעם שוואַרצן,
ווי דאָס געוויסן פון דעם שונא דײַנעם,
און פון מײַנעם —
דעם פילגעפרוווטן.

4

ווּ איז דער אָנזאָגער פון טרייסט,
אַז קומען וועט דער טאָג פון פאָלק דערוואַכטן,
אַז קומען וועט דער טאָג פון צאָרן?
ווּ זענען די גערעכטע, די באַפרײַער?

די שוועסטער שפּאַניע קוקט דיר אין די אויגן.
פון פוילן און פון טשעכיע
דערשטיקטע שטימעס רײַסן זיך צו דײַנע אויערן:
שטיי אויף!
און הערשל גרינשפּאַנס קול
זאָגט־אָן דער וועלט:
עס גייט די גבורה פון זײַן פאָלק,
פון אונטער חורבן וואַקסט דער האַס —
און קומען וועט דער מאָנער!

פון שטעט, פאַרוויסטע אינעם פײַער,
וועט אויפשטיין,
איך הער שוין זײַנע טריט,
וועט אויפשטיין אונדזער אַלעמענעס באַפרײַער.

הער זיך איַין

הער זיך איַין אין דער שטילקייט.
דו הערסט? וואָס קאָנסטו דערהערן?
די שטומקייט, די שטילקייט פון שטיין און פון שטערן.

וואָס קאָנסטו דערהערן?
די שטומקייט, די שטילקייט פון יענער זיַיט ערד.
דאָס בלוט ווערט פאַרגאָסן,
כּסדר פאַרגאָסן עס ווערט.

17טן אַפּריל 1944

מלחמה

צום פעלד וועט דער זון מער ניט קומען.
פון זאַנגען געוואָרן איז שטרוי.
עס וויאַנען שוין האַרבסטיקע בלומען.
דער הימל פאַרוויינט איז און גרוי.

עס פּייקלען די טראָפּנס פון רעגן
דעם ריטעם פון טרויער-געזאַנג.
די מאַמע וויל לויפן אַנטקעגן:
ס׳איז אפשר דער זון מיט זיַין גאַנג?

און אָפענע טירן פון שיַיער,
און פרוכטן זיך רויטלען צו זאַט.
דער ווינט האָט אַ וויַיל זיך פאַרטיַיעט.
צו דר׳ערד פאַלט אין שטילקייט אַ בלאַט.

די בלויסטע נאַכט

די בלויסטע נאַכט האָט יענעם פלאַקער ניט פאַרלאָשן.
די טיפסטע שטילקייט האָט יענע שטימען ניט באַהאַלטן.
די ערד באַקומען האָט אַ נײַעם לשון
און נײַעם ליכט — פון העלדישע געשטאַלטן.

מאַמע און קינד

אין שפּעטע פאַרנאַכטיקע רוימען
די ייִדישע מאַמע פון פײַער
אין גרויע פאַראַשיקטע זוימען —
זיך ציט צו איר זונעלע טײַערס.

איר זונעלע שווימט אין די הייכן
און וויל צו דער מאַמען געגענען.
זיי ביידע — אין וואָלקנס און רויכן —
אין פאַרלאָשענע הימלען נאָך ברענען.

דאָס צעריסענע ספר

זכור את אשר עשה לך עמלק

איך האָב געזען אַ צעריסענעם ספר,
די שורות, די אותיות צעבראָכן.
די שונאים האָבן געשענדט דעם ספר
פון יאָרן, פון טעג און פון וואָכן.

דער פאַרמעט געווען איז צעריסן,
די שוואַרצקייט פון שריפט האָט געשיילט זיך.
ס'האָט די שנאה פון מענטש איַינגעביסן
די אייביקייט, זי צעבראָכן, צעטיילט זי.

איז צעריסן דאָס ספר געלעגן.
זייַן פאַרמעט האָט געשטראַלט און געהעלט.
און אותיות און שורות — גלייַך וועגן —
האָבן געפירט צו גאַנצקייט פון וועלט.

איך שעם זיך

איך שעם זיך פאַר מײַנע פיר ווענט,
איך שעם זיך, וואָס מײַן נאָמען איז מענטש,
פאַרן ברויט אין מײַן גומען און שלונג,
פאַר יעדן זופּ וואַסער און טרונק —
און אויך פאַר דעם וואָרט אויף מײַן צונג.

איך שעם זיך פאַר מײַן וואַרעמער שטוב,
איך שעם זיך פאַר מײַן דאַך און מײַן שוץ,
איך שעם זיך פאַר מײַן טאָג און מײַן נאַכט,
איך שעם זיך פאַר מײַן זיכערן טראָט —
איך שעם זיך, ווײַל ס'איז חרוב מײַן שטאָט.

איך בעט בײַ דער ערד: אָ, זײַ צו זיי גוט,
איך בעט בײַ דער זון: גיב זיי ליכט אַ מינוט,
איך בעט בײַ דער נאַכט: זײַ ניט צו קאַלט
און ברענג צו זיי שלאָף, פון געפאַר זיי באַהאַלט,
איך בעט דעם פרימאָרגן: מיט שנעלקייט דו פלי
און ברענג זיי אַ בשורה באַלד אין דער פרי.

אין מיטן וועלט

אין מיטן וועלט. און ברייט דער קרייַז דערווייַל.
און אָפן ליגט דער ווייַטער האָריזאָנט.
די שעהען ווערן שפּעט, פאַרלאַנגזאַמט — מייַן געאייַל.
דער זייגער ציילט און ציילט — די רעכענונגען מאָנט.

כ׳שטיי אויף פּאַרפּרי בייַם אויפהייב פונעם טאָג.
די רגעם פונעם נאַכט־חושך איך צייל.
איך הער דעם נייַעם ניגון נאָכן חורבן־קלאָג
און צו דער וווּנד איך זאָג: פאַרגעס ניט, נאָר פאַרהייל!

29סטן אַפּריל 1965

☆

די וועלט איז ווידער וויסט און לער,
אין אַלע ווינקלען וואַנדערט קין;
דער אָקעאַן — איין גרויסע טרער,
אין האָריזאָנטן הערשט דער אַין.

און קיין מנוחה איז נישטאָ,
דאָס בלוט פאַרפלייצט די קאָנטינענטן. —
עס גייט די שפּעטסטע, צוועלפטע שעה.
פאַרנעמט זי און דערקענט זי!

22סטן אָקטאָבער 1967

עתידות

קיין צווייטן מבול ברענגט ניט דער באַשעפער.
כביכול מיט זײַן חסד האַלט דאָס וואָרט.
די וועלט פאַרזיכערט איז אויף דורות שפּעטער.
ער האָט דעם מענטש אַ סוד בלויז אויסגעבאָרגט.

דעם פײַער-מבול ברענגען וועט די מענטשהייט.
דער ערשטער אויפרײַס הענגט שוין ווי אַ שוואָם.
דער זעלבער מענטש, וואָס פליט צום רוים מיט בענקשאַפט,
פאַרזינקען וועט די ערד אין טיפן תהום.

28 סטן יאַנואַר 1969

צפת

איך האָב דיך קיין מאָל ניט געזען פאַר די אויגן,
דאָך זע איך דיך אַזוי קלאָר דורך די ווײַטן.
ביסט מיט לעגענדע און ליבשאַפט פאַרצויגן
פון אוראַלטע, גרײַזגרויע צײַטן.

צווישן ישראל־שטעט שטייסטו באַזונדער,
דערהויבן, אין לויטערער בלויקייט.
זעסט אויס, ווי אַ ניטערדישער וווּנדער —
ווי חלום און וואָר און פאַרטרוימקייט.

גאָט האָט צוגעזאָגט

לכבוד הנשיא ר׳ זלמן שזר

גאָט האָט צוגעזאָגט אַברהמען אונדזער לאַנד,
גאָט האָט צוגעזאָגט אַברהמען אונדזער לאַנד.
גאָט האָט צוגעזאָגט אַברהמען,
זײַנע קינדער,
זײַן זאָמען —
גאָט האָט צוגעזאָגט אַברהמען אונדזער לאַנד.

גאָט האָט יצחקן געשוווירן אונדזער לאַנד,
גאָט האָט יצחקן געשוווירן אונדזער לאַנד,
גאָט האָט יצחקן פאַרשפּראָכן
און זײַן שבועה ניט געבראָכן —
גאָט האָט יצחקן
געשוווירן אונדזער לאַנד.

גאָט האָט יעקבן פאַרזיכערט אונדזער לאַנד,
גאָט האָט יעקבן פאַרזיכערט אונדזער לאַנד,
אַז אין דעם לאַנד וועלן מיר ווערן
פיל ווי זאַמד און ווי שטערן —
גאָט האָט יעקבן
פאַרזיכערט אונדזער לאַנד.

אַברהמס קינדער וועלן קומען אין דעם לאַנד,
יצחקס קינדער וועלן זיצן אין דעם לאַנד,
יעקבס קינדער וועלן זיך מערן אין דעם לאַנד,
אין אונדזער לאַנד ארץ-ישראל —
אין דעם געגאַרטן,
אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד.

קול ישראל

אויף פרעמדער ערד טאַנצן אונדזערע זין און טעכטער
אונטער די קלאַנגען פון פרעמדער מוזיק,
נאָר ניט פאַרשטילט איז דאָס קול פון אייביקן וועכטער:
— קינדער, ישראל וואַרט, קומט צו ישראל צוריק!

מיט אַ מאָל ווערן אָפּגעטאָן די פרעמדע קלאַנגען;
עס שווימט אָן די ווײַטע און אַלטע מוזיק
און לעבעדיק ווערן ישראלס געזאַנגען,
ווען ס׳קומען די ייִדישע קינדער צוריק.

זיי קומען דורך בערג, און דורך ימען — אויף שיפן.
זיי גייען פון מדבר, זיי פליִען דורך לופט.
זיי שפּאַנען אַריבער די תהומיקסטע טיפן.
זיי קומען — ווייל דאָס קול פון ישראל זיי רופט.

1949

1. בײַ ליעסינס שרײַבטיש

צו דער פערטער יאָרצייט פון א. ליעסין

דאָס בינטל בויגנס פון דײַן ניט פאַרשריבענעם פּאַפּיר
מיט מײַנע לעבעדיקע פינגער איך באַריר.
איך פיל אין זיי אַ ווייטיק און פאַרדראָס:
פאַר וואָס ביסטו אַוועק פון אַט דעם טיש, פאַר וואָס?

ווײַל איך דערזע אין שטול דיך, בײַ דײַן טיש,
דער גזר פון דײַן פאַרגאַנג ווערט אָפּגעווישט.
און טראָציק הייבסטו ווידער אויף דײַן פען —
ווי דאָס געשעענע וואָלט ניט געשען.

אַט שטייסטו אויף. דו גלײַכסט זיך אויס.
מיט פעסטע טריט דו גייסט אַרויס פון הויז.
דו שפּאַנסט אַוועק דורך ווינט, דורך נאַכט, דורך קעלט,
און דו באַפעלסט: זאָל ליכטיק זײַן די וועלט.

און ווען אין ליכט שטייט אויף די מאָרגן־שעה —
דערזע איך: ביסט אַוועק, ביסט מער ניטאָ.
איך שטיי נאָך אַלץ פאַרציטערט בײַ דײַן טיש —
דײַן שורה ווערט מיט ווײַסקייט אויסגעמישט.

2. אַ חלום

אַ חלום: אָט באַלד וועסטו קומען,
וועסט שטעלן אויף שוועל דײַנע טריט,
וועט טריפן מיט פרייד פון דײַן גומען —
אַ חלום? און אפשר גאָר ניט?

און פול ווערן וועט אין די ווינקלען,
מיט פרוכט וועסט באַשטעלן דעם טיש.
דײַן בליק וועט זיך ווידער צעפינקלען,
דײַן ליד וועט זײַן קוואַליק און פריש.

און מיר וועלן זיצן און הערן,
זיך פרייען מיט דיר: דו ביסט דאָ!
די נאַכט וועט אונדז ליכטיקער ווערן
אין אָט דער געחלומטער שעה.

נאָוועמבער 1942

ביי אַ לוויה

לזכרון פון אננאַ מאַרגאָלין

דיַין בלענדיק-וויַיסער פּנים אין דעם שוואַרצן אָרון —
אָ, לעבעדיקער מענטש, וואָס איז פון דיר געוואָרן?
אין לעצטער שוויַיגעניש די ווערטער שטילע
פון לידער און פון „מלא רחמים"-תּפילה.

מען פאָרט פאַרביַי די עווענױס און גאַסן.
עס קלאָרן זיך די ליבשאַפטן דורך האַסן.
און אָט — דער בית-החיים. רייען נעמען.
און נאָך אַ מענטש מיט שערבלעך אויף די ברעמען.

פּאַמעלעך שווימט צום אָרט דער שוואַרצער אָרון.
צום לעצטן מאָל — אין זומערטאָג דעם קלאָרן.
קבר-זאַמדן — און די שוואַרצע מיטה.
דאָרט ליגט די דיכטערין פון בריסק דליטא.

עס שפּרייטן זיך די וויַיטע פרעמדע הימלען,
און אַלע ווערטער אינעם טרויער דרימלען,
נאָר אין דעם גליוּוער פון מצבה-שטיינער —
פון די באַגלייטער ווערט פאַרשטיינערט איינער.

צו עדנאַ סענט ווינסענט מילעי

זי איז שטיל אַוועק. רוען אירע הענט איצט פרידלעך.
זיי האָבן זיך געמיט טעג און נעכט, ביז לעצטסטער מינוט.
מיט וואָרט פאַרבונדן, האָסטו, עדנאַ, אומדערמידלעך
געשליפן די זילבן, ביז דער פּאָעט אין דיר האָט
אויסגערופן: גוט!

אַליין, ווי אויף אַ וויספּע, מיט ווײַטקייטן פאַרבונדן,
האָסטו, ווי אַ באַרוישטע פון שווערן ווײַן,
געוואַכט, ביז ס׳האָט נאָך אַ מאָל דער מזרח זיך צעצונדן —
די מידע אויגן צוגעמאַכט אין בלענד פון פרישן שײַן.

איך בין הײַנט אומגעגאַנגען איבער טומלדיקע גאַסן,
און דײַן געשטאַלט, עדנאַ, האָט מײַנע טריט באַגלייט.
אין דײַנע אויגן, אין דײַן פּנים דעם בלאַסן,
האָב איך שורותווײַז געלייענט מײַן פּײַן און מײַן לייד.

די ווײַזהייט דײַנע, דײַן זעונג אין פרימאָרגנס,
פון דײַן אַנטפּלעקונג יעדערער — די פרייד —
דאָס אַלץ האָסטו אין אונדז, ווי אין דער ערד פאַרבאָרגן,
און אויפגיין וועט פאַר אַלעמען, ווי קערנער, גוט פאַרזייט.

דײַן שטימע האָט געזונגען אין מײַן אויער:
„אָ זע, בין ניטאָ, נאָר ס׳לעבט, ס׳איז דאָ מײַן ליד"!

אָן וואָרט האָב איך געענטפערט: „ס׳איז דער ווייטיק אומגעהויער״,
נאָר דו האָסט זיך צעשמייכלט: „זײַ גובר דײַן געמיט״.

לאַנג בין איך אין דעם רעש פון גאַסן אומגעגאַנגען.
דער שפּעטער יעשען־טאָג האָט גאָלדיק אויפגעבליט.
כ׳האָב געהערט אין בלעטער־רויש מילעים געזאַנגען.
געוויין האָט מיך געדריקט: עדנאַ איז ניטאָ, עדנאַ לעבט שוין ניט.

10טן פעבּרואַר 1950

גאָר אַנדערש

זישע ווײַנפּער — לזכרון

דער מענטש פֿאַרשטילט. די שטריכן ווערן בולט.
און אַנדערש ליכט גייט אויף פֿון זײַן געשטאַלט.
אַזוי שײַנט־אויף אין חודש־סוף דער מולד
אויף ביימער־שפּיצן פֿון פֿאַרשטילטן וואַלד.

פֿון וואַנען קומט אַ שײַן אַזאַ, פֿון וואַנען?
ווו איז דאָס אָרט, ווו זי פֿאַרשווינדט, פֿאַרגייט?
צי קומט זי פֿון די ווײַטן, ניט פֿון דאַנען?
צי לאָזט זי אויס זיך מיט דער לעצטער פֿרייד?

זי קומט בײַ טאָג — און מאַכט דאָס טאָגליכט אַנדערש.
זי קומט בײַ נאַכט — די פֿינצטערניש ווערט וואַך.
נאָר שטענדיק, ווען זי קומט, ווערט אַלץ פֿאַרוואַנדלט
אין דעם, וואָס רעדט מיט גאָר אַן אַנדער שפּראַך.

צו עדגאַר פּאָ

דיין אָרעם שטיבל איז אַ מאָל, ווי היינט, אין וויסטעניש
געשטאַנען,
געחלומט האָסטו דאָרט פון אַלאַליומע און אַנאַבעל־לי,
און שוואַרצע ראָבן זיינען צו דיין טיר געפלויגן — ניט
פון דאַנען,
געלעבט האָסטו אין רוימען אַנדערע, אין ווייטן פון ניט־הי.

די ווינטן האָבן אין די ווינטערס דורך דיין היים געבלאָזן,
נאָר דיינע וויזיעס און געשטאַלטן יאָגן ניט געקאָנט,
און דיין געליבטערס אָטעם האָבן זיי פאַר דיר געלאָזן,
ווי אויפשריפט־אותיות פון רויך ביים ראַנד פון האָריזאָנט.

היינט איז דיין היים, אַן אויסגעקאַלכטע און ציכטיק־ווייסע,
אין מיטן טומל, רעש און רויש פון שטאָט, פון
בראָנקס־בולוואַר.
אין שטילקייט פון די צימערלעך, מיר דוכט זיך, אַז עס
אייזיקט
דער לעצטער הויך פון דיין געליבטער, און איר בליק ווערט
שטאַר.

25סטן מאַי 1951

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי

מיט גאַר דער ליבשאַפט האָט ער אויסגעמאָלט
דעם מענטש — געקרוינט אים איבער אַלע שטערן,
און שילדערן מיט פאַרב האָט ער געוואָלט,
ווי שיין עס זענען זעמדעלעך און ווערעם.

ער האָט געמאָלט די פּראַכט פון ליכט און שטראַל,
די דעמער־טונקלקייט פון די היילן טיפע,
דעם דינעם זילבערדיקן רויש פון קוואַל,
די שטאַרקע פעסטקייט פון די סטאַלאַקטיטן,

דעם דין געוועב פון מיידלערישע האָר,
די פרישע גאָלדיקייט פון יונגן פּנים,
דעם יינגלינגס שטאָלצן גוף פון זעכצן יאָר,
זיין פלינקייט, וואָס צום אָדלער גלייכן קאָן אים.

ער האָט געפילט די שטומקייט פונעם שטיין,
ער האָט געוווּסט דעם קאַראַהאָד פון שטערן.
ער האָט געפאָרשט דעם מענטשלעכן געביין —
באַוווּנדערט אויג און אויער — זען און הערן.

ער האָט אין יעדן שרייפעלע געזען
אַ חוק, ווי אין דעם גאַנג פון די פּלאַנעטן.
ער האָט צו ווייטער צוקונפט זיך געווענדט
מיט לייוונטן און זוניקע סאָנעטן.

די פרוי האָט ער פֿאַרגעטערט, זיך פֿאַרטרויט
צו דער באַליבטסטער זײַנער — צו דזשאָקאָנדאַ.
ער האָט אַרומגערינגלט זיך מיט דעמערבלוי,
מיט פֿרוכטביימער, מיט פֿעלדער זאַנגיק־בלאָנדע.

ער האָט געבויט די דורותדיקע בריק
פֿון ווײסן, גלויבן, אַנען און דערגרייכן
דורך צײַט און רוים — און ס'האָט געזען זײַן בליק
דעם מענטש — אַ שוועבנדיקן אין די הייכן.

7טן אויגוסט 1952

די צוויי יאָר

ס׳טוט ווי דאָס האַרץ. דו ביסט אַוועק פאַר דער צײַט.
עס ציִען זיך מײַנע טעג, מײַנע יאָרן.
דו שלאָפסט. ווערסט טיף און ווערסט ווײַט,
נאָר דײַן געשטאַלט לעבט אין מײַן זכרון.

ס׳איז דאָך אַנדערש געווען מיט דיר יעדער טאָג.
ביסט פול געווען מיט ליד, מיט געוויש און מיט לאַכן.
דער איבערקרייץ פון וועגן, אַט דער פאַרשטומטער ראָג
געדענקט נאָך דײַן קול און דײַן בליק דעם וואַכן.

דער טראָטואַר געדענקט דעם געפּויק פון דײַנע טריט.
ער האָט געהערט דײַן געזאַנג, דעם געהויך פון דײַן אָטעם.
און אָט איז דער בוים, וואָס האָט אונדז פאַרהיט
פון זון און געשיצט מיט זײַן שאָטן.

ער שטייט איצט הויל, אין ווינטערשלאָף פאַרטאָן.
איך גיי פאַרבײַ און ער ניט אויף דערמאָנען
די טעג — די זוניקע, און ווי אין דעמער אָנגעטאָן.
די זעלביקע אָרומען און כ׳קאָן זיי קוים דערקאָנען.

איך קום אין פעלד. אָט בין איך בײַ דײַן שטיין.
עס טרויערן די שורות — דײַן ליד אין שוואַרץ פאַרשריבן.
זיי האָבן באַהאַלטן דײַן געדאַנק און דײַן געוויין.
איך לייען זיי. אַלץ וואָס איז געבליבן.

דו וואָלטסט געקומען

איך ווייס, דו וואָלטסט געקומען, ווען מען לאָזט דיך קומען
אַהער. דו וואָלטסט געקומען צו מיר צוריק.
מיט ייִדיש וואָרט געניגונט וואָלט דײַן גומען,
דײַן פּנים זען בלויז — וואָלט געווען שוין גליק.

טאָג און נאַכט איך רוף, איך רוף כּסדר,
נאָר דו ביסט אָנגעפּילט מיט קעלט פון לעצטן שלאָף
און אומבאַוועגלעך איז דײַן יעדער אָבר —
איך קאָן ניט שלום מאַכן מיט דײַן סוף.

איך רוף דיך בײַ דײַן נאָמען, נאָר ניטאָ קיין ענטפער.
ניטאָ קיין שטים און ניט קיין ווידערקול.
אַ קום צוריק, איך וואָרט אויף דײַן דערנענטער,
דײַן שמייכל זאָל אַ לײַכט טאָן, ווי אַ מאָל.

11טן יוני 1961

ליִעטשקען

13טן נאָוועמבער 1915

בלאַסער פּנים, גרויע אויגן.
העלע, לײַכטע, ליבע האָר.
טיפער טרויער האָט פאַרצויגן
דײַנע קורצינקע צוויי יאָר.

פון די היימיש-בלויע פעלדער,
דורך אוקראַיִנישן סטעפּ —
צו די גרינע מאָסקווער וועלדער
איז געווען דײַן קורצער וועג.

מיט פאַרווּנדערט-גרויסע אויגן
האָסטו אײַנגעזאַפּט די וועלט.
זיך צו וואַרעמקייט געצויגן
אין דער שרעק פאַר לעצטער קעלט.

דער לעצטער פלי

צום ערשטן מאָל דערהערט האָב איך דעם אָנזאָג פון
זײַן קומען
צו מײַן צוויי־יאָריק מיידעלע. זײַן טראָט האָט זיך
גענענטערט.
ער האָט מיך אין אַ קרײַז פון שרעק און אַנגסט אַרומגענומען,
געגעבן מיר דעם כּוס פון סם צו טרינקען ביז צו ענדע.

און איצט, נאָך לאַנגע יאָרן, קומען וועט ער שוין צו מיר
אין לעצטן בלאָ־באַגינען, אינעם לויטערליכט פון שטערן.
ער וועט מיך פירן, עפענען ער וועט פאַר מיר אַ טיר,
און פון געזאַנג וועל איך פאַרשלונגען ווערן.

צו לויטערליכט פון שטערן זײַן וועט דאָס דער לעצטער פלי,
און מײַנע חושים וועלן זיך פון בענקשאַפטן באַפרײַען,
און שוועבן וועל איך צווישן וווּנדער אַלע פון ניט־הי —
אין יענער וועלט פון נס — פון ליד און פײַער.

מײַן װיגליד

דײַן קעפּעלע שטיל צו מײַן האַרצן —
װעסט װידער אַ קינד מיר הײַנט זײַן.
זאָל לײַכטן דער אומעט אין שװאַרצן —
דער טרױער איז שטאַרקער פֿון װײַן.

כ׳װעל װיגן און זינגען אַ ניגון,
און שטיל װעסטו רוען, און לינד.
ניטאָ מער קײן שטײנערנע שטיגן,
נאָר פֿרידן און שלאָף פֿאַר מײַן קינד.

ניטאָ מער קײן שטײנערנע שטיגן,
נאָר פֿרידן און שלאָף פֿאַר מײַן קינד.

איך האָב דיך פאַרטוליעט

איך האָב דיך פאַרטוליעט אין בלויען געוואַנט,
מײַן אײנציק, מײַן אויסגעבענקט קינד.
איך האָב ניט געוווּסט, ניט געקלערט, ניט געאַנט,
אַז דיך וועט פאַרכאַפּן דער ווינט.

איך האָב דיך געטוליעט צו זיך אַזוי נאָנט,
געשיצט דיך מיט מאַמעשע הענט,
און ראַטעווען דיך האָב איך פאָרט ניט געקאָנט
פון פײַער, וואָס האָט דיך פאַרברענט.

אַ האַרבער — דער ווינטער, אַ ביטערער גזר.
אַזאַ איז דער גורל געווען.
וואָס איז מיר געבליבן נאָך דיר? בלויז דער צער —
איך טראָג אים, איך טראָג אים — ביז ווען?

29סטן מאַי 1952

☆

אין אַנדערן צימער — מײַן בעטל. צו דער גאַס —
אַ גלעזערנע טיר.
אין דרויסן אַ באַבע אַ גרויע. זי וואַרט, געמיינט כ׳האָב,
אויף מיר.

געמיינט, איך וועל דאַרפֿן אַוועקגיין. און כּדי דיך ניט
לאָזן אַליין,
נעם איך דיך אַרויס פֿון מײַן בעטל, און גיב דיך דער גרויער
מיט געוויין.

איך בעט זי, איך בעט זי, דער גרויער, דיך היטן, דיך היטן,
מײַן קינד.
איך מיין, ס׳איז מײַן באָבע, די טרײַע. זי נעמט דיך פֿון מיר
און פֿאַרשווינדט.

יונה

☆

דײַן האַרץ פֿאַרשטאָליק, גרױסער נביא יונה.
עס װאַרט דער תּהום. די פֿליגל פֿונעם שטורעם
זיך ציִען צו די בלױקײטן די רײנע —
דער גלאָק װעט זיך צעװיגן אױפֿן טורעם.

דײַן אױג שטרענג אָן, און װי די אַלבאַטראָסן —
דעם קלאָרן הימל זאָלסטו מער ניט טרױען.
דיך װאַרטן איצט נסיונות און פֿאַרדראָסן —
ביז ס׳װעט די זון פֿאַרברענען דײַן קקיון.

א

באַפעל

פאַר טאָג, מיט לעצטע שטערן, הער איך דײַן באַפעל:
„גורט אָן זיך, און צו די אײַנוווינער פון גינווה גיי״!
דאָס ערשטע ליכט, וואָס שײַניקט אויף בראשית־העל,
פּילט אָן מיך איצט מיט אַנגסט, מיט שרעק און וויי.

פאַר וואָס זאָל איך דער אָנזאָגער פון שלעכטע בשורות זײַן?
פאַר וואָס זאָל איך מיט וואָרענישן אויפהייבן מײַן קול?
גאָט, מײַנע אויגן רינען סײַ ווי אוים פון צער און פּײַן
פון זען די טײַכן בלוט, וואָס מבלען אין דעם טאָל.

איך פיל דײַן קראַפט, אָ גאָט, דו נעמסט מיך פאַר די האָר,
דערהייבסט מיך איבער שטעט און שטעלסט מיך אויף
דעם אָרט,
וווּ ס׳ציטערט און עס וויגט זיך, ווי אויף וואָגשאָלן
די וואָר —
אויף דײַן באַפעל איך ברענג אַהין פון וואָרענונג דאָס וואָרט.

ב

באַרוף

אָ גאָט, מײַן גאָט, צו דיר טו איך הײַנט תפילה:
באַפרײַ מיך, איך קאָן מער אין נינווה ניט זײַן.
די מענטשן דאָ טוען די טומאה פאַרהילן
און טויב זייער האַרץ איז פאַר צער און פּײַן.

די גאַנצע נאַכט, און דעם טאָג דעם גאַנצן,
דורך רויש און רעש דײַן שטים הער איך רופן,
ווען נינווהס הימלען אין שלווה נאָך גלאַנצן,
צו אָנזאָגן דאָרטן דײַן שטראָף כ׳בין באַרופן.

אָ לאָז מיך אַנטרינען פון זינד און פון פרייד.
אַן אַנדערן גיב די שליחות־נבואה,
אַן אַנדערן גיב אָפּ דײַן קול, דײַנע רייד —
באַפרײַ מיך, אָ גאָט, פון דער לאַסט, פון דײַן שבועה.

ג

די שיף

איך טראָג זיך קיין תּרשיש, מײַן גאָט,
דײַן שווערן באַפעל אויסצומײַדן.
איך זע פון ברעג נינווה די שטאָט —
ווי שיין זי קוקט אוים פון דער ווײַטן!

עס טראָגט מיך קיין תּרשיש אַ שיף.
איך האָף, דײַן באַפעל וועסט אָפּווענדן.
די פעלדזן, די תּהומען, די טיף —
זיי ווילן מיך אָבער פאַרלענדן.

אָט קומט אויף די פליגל דער ווינט,
אָט ווערט פון אים בליציקער שטורעם.
דער ים ווערט אַ שוואַרצער, ווי טינט,
די וועלן — נאָך העכער פון טורעמס.

עס קרעכצן און קראַכן די מאַסטן,
די שיף איז אַ שפּענדל געוואָרן.
געוואָרפן אין ים די באַלאַסטן,
נאָר ווער קאָן דען מײַדן דײַן צאָרן?

אַ שרעק האָט באַהערשט אַלע מענטשן,
און יעדערער בעט פאַר זײַן לעבן.
איך בעט דיך, מײַן גאָט, שיק דײַן בענטשונג —
מײַן שולד זאָל מיר ווערן פאַרגעבן.

ד

דו וואָגלסט נאָך

אַ נביא, צווישן נינווה און תּרשיש
דו וואָגלסט נאָך. די וואָרענונגען קלינגען;
צי ווילסטו אַנזאָגער פון בשורות זײַן, צי נישט —
גאָטס ווערטער וועלן סײַ ווי דיך באַצווינגען.

זיי גיבן דעם באַשייד דיר אויף דער האַנט,
די ווערטער טרײַבן דיך אין עלנט־וואַנדער,
צעוויקלען איבער דיר אַ פײַערבראַנד,
און זאָגן דיר דײַן גורל אָן — קיין מאָל ניט פאַראַנדערשט.

פאַרלאָזסט דײַן רויִקייט, פאַרלאָזסט דײַן שטאָט,
דו ווענדסט דײַן טראָט צום וואַסערוועג, צו ימים,
דו לויפסט פון דײַן באַרוף, דו לויפסט פון גאָט,
נאָר שטורעם טרעפט מיט צאָרן זיך צוזאַמען.

דערפילסטו, אַז אומזיכער איז די שיף,
אַז תּהומען זײַנען גרייט דיך אײַנצושלינגען,
און דו אַליין גיסט אָפּ זיך פאַר דער טיף,
און איבער דיר — אַ קייט פון וואַסער־רינגען.

ה

אין אינגעווייד פון פיש

די טיפעניש האָט מיך פֿאַרשלונגען
בײַ מײַן אַנטלויפֿן קיין תּרשיש.
דערהער דעם רוף פֿון מײַנע לונגען
אין אינגעווייַדן פֿון דעם פֿיש.

פֿון מײַן באַרוף בין איך אַנטלאָפֿן,
אַנטרונען בין איך פֿון דײַן וואָרט.
געמיינט: די גאַנצע וועלט איז אָפֿן,
אַז ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ מין אָרט,

וווּ כ׳וועל אַוועק פֿון דײַן באַפֿעל,
וווּ פֿרײַ וועט ווידער זײַן מײַן גאַנג,
אין נײַעם בלוי, אין נײַעם העל
כ׳וועל זינגען שטיל מײַן דאַנק־געזאַנג.

און כ׳וועל זיך פֿירן לויט מײַן ווילן —
גיין צווישן מענטשן פֿראַנק און פֿרײַ —
און ס׳וועט דערווײַל דײַן צאָרן שטילן —
דײַן חסד קומען וועט אויף ס׳נײַ.

פֿון דײַן באַפֿעל ניט צום אַנטרינען,
ביסט אין טיפֿן, אומעטום.
קיין איינציק אָרט ניט צו געפֿינען,
וווּ ביסט ניטאָ. ביסט אַלץ אַרום.

האָסט צוגעגרייט פאַר מיר אַן אָרט דאָ
אין אינגעווייד פון גרויסן פיש,
ווו איך בין לעבעדיק באַגראָבן
צווישן נינווה און תּרשיש.

אָ, גאָט אַלמעכטיקער, באַשער מיר
נאָך אַ מאָל דערזען די פריַי,
און זע, און הער, ווי ס'איז דאָ שווער מיר —
באַווייז דיַין הימל מיר אויף ס'נײַ.

באַפריַי מיך פון דער שליימען־תּפיסה,
מיַין ווידערשפּעניקייט פאַרגיב.
דיַין וואָרט ברענט טיף אין מיַין געוויסן,
דיַין קול האָט מיך באַזיגט, באַזיגט.

ו

ווי יונה

איך בין אַנטרונען פון באַרוף,
פון אָרט צו אָרט כ׳האָב זיך געטראָגן.
אָן אויפהער כ׳האָב געהערט דעם רוף,
דאָס ראָד-גערויש פון פײַער-וואָגן.

געוועז מײַן לויפן איז אומזיסט —
אַ שטים האָט מיך סײַ ווי געפאַנגען.
אין שטאָט-געדראַנג, אין מדבר-וויסט,
איז איבער מיר דאָס קול געהאַנגען.

כּסדר האָט דאָס קול געמאָנט
און מיך גערופן, און געטיליקט,
ביז כ׳האָב געהאָרכט און אויך געטאָן —
צו דײַן שליחות אײַנגעוויליקט:

איך האָב קיין אָפּרו ניט דערקענט,
קיין שפּור פון שאָטן ניט באַקומען.
פון דורשט מײַן צונג האָט זיך צעברענט,
ווען וואָרט געשרפעט האָט מײַן גומען.

קיין ביימעלע כ׳האָב ניט געזען,
און ניט קיין שפּור פון דעם קקיון.
איך בין אויף מדבר-וועג געווען
אין גלי פון דמיון און נסיון.

27סטן אָקטאָבער 1955

א

דניאל

דער קיניג טראָנט אין זאַל —
די פירשטן אַרום אים.
ער פירט דעם גרויסן באַל —
עס הילכט זיין שטאַרקע שטים.

די לאָמפּן ברענען העל,
באַלייכטן גאָלדגעוואַנט.
עס שוימט דעם קיניגס זעל,
פאַרטונקלט זיין פאַרשטאַנד.

דער ווײַן צעבינדט זיין צונג.
דאָס וואָרט שפּריצט פון זיין מויל.
זיין בלוט ווערט הייס און יונג,
די רייד — אַ לעסטער־גרויל:

דו גאָט, איך זאָג דיר אָן,
דו ביסט קיין קיניג מער.
איך קיניג אויף דיין טראָן
און שטאַרק איז מיין געווער.

ווער ביסטו היינט, און וואָס?
אַ שטאַרקער ווילסטו זיין?
באַווייז מיר דיין פאַרדראָס,
ווען איך פאַרשוועך דיין ווײַן!

ווער ביסטו, יִדן־גאָט?
דײַן טעמפּל כ'האָב צערויבט,
דײַן הייליקייט — פאַרשפּאָט,
דײַן פאָלק — געמאַכט צו שטויב.

ב

אַ שטילקייט הערשט אין זאַל.
בלשצרס וואָרט קלינגט הויך.
עס פלאַקערט נאָך דער באַל
אין פאַרפומירטן רויך.

נאָר אויף דער ברייטער וואַנט,
בײַם איידעלן געפעס,
שרײַבט אויף אַ שטרענגע האַנט:
מנה, תקל, פרס.

די אויפשריפט פון דער וואַנט
גייט דורך דעם גאַנצן זאַל.
די אומזעבאַרע האַנט
שטעלט אָפּ דעם גרויסן באַל.

ג

די אויפשריפט איז ניט קלאָר,
פאַרשטעלט איז נאָך איר זין.
אַ חלום, צי אַ וואָר?
דער קיניג ווערט אַזש גרין:

„די עלטסטע רופט אַרײַן,
די גרויסע, קלוגע לײַט.
פאַר זיי וועט זיכער זײַן
פאַרשטענדלעך דער באַדײַט,

דער זין פון ווערטער דרײַ,
וואָס קוקן פון דער וואַנט.
די שפּראַך פאַר מיר איז נײַ,
די האַנטשריפט — אומבאַקאַנט.

עס קומען באַלד די לײַט,
נאָר זיי אויך איז ניט קלאָר
דער מיין און דער באַטײַט —
שוין גאַנצע טויזנט יאָר

אַזוינס איז ניט געשען.
ווער קאָן עס וויסן גאָר?
אַזוינס האָט ניט געזען
אין בבל קיין שום דור.

ד

דער ים פון שטילקייט שטײַגט
אין גאָלד-געוועלבטן זאַל,
און אויך דער קיניג שווײַגט
בײַם רעדן פון שיקזאַל.

אַ פרויען-שטים זיך הערט,
צום קיניג צאַרט געווענדט:
„מיין האַר, ניט שרעק, איך בעט,
גיב מוט צו דײַנע הענט.

דו ביסט געווען דאָך דרייסט,
געלעסטערט האָסטו גאָט,
געבעטן זײַן באַוויַיז,
ווען האָסט פון אים געשפּאָט.

באַרויִק זיך, מײַן גאָלד,
ניט וואַקל זיך, מײַן קרוין —
פון חסד און גענאָד
איז אויף דער וואַנט דער מיין.

לאָז שפּילן האַרפעס הויך,
איר זינגער — זינגט און שאַלט.
„אַ שמעקנדיקער רויך
זאָל וויקלען זיך אין זאַל"!

דאָ לעשט זיך אוים איר צונג,
עס גליווערן די רייד
און פּוסט ווערט אומעטום —
עס אָטעמט שוין דער טויט.

ה

זי קומט צו זיך און זאָגט:
„פאַראַן ביי אונדז אַ מאַן,
וואָס אים נאָר האָט זײַן גאָט
געליכטיקט דעם פאַרשטאַנד.

מײַן האַר! אים רוף אַהער,
ווײַל אמת רעדט זײַן מויל.
וועט דיך ניט שרעקן מער
קיין פּחד און קיין גרויל".

דניאל קומט צו גיין,
זײַן דינער גוף איז שלאַנק,
לויטער זײַן געביין,
ליכטיק זײַן געדאַנק:

„מתנות האָלט פאַר זיך,
דײַן גאָלד־און־פערל־רײַך.
אַנטפלעקן באַלד וועל איך
פון אויפשריפט דעם באַטײַט.

„קיין דימענטן איך וויל —
אָ, בבלם בייזער האַר!
לעזן כ׳וועל פאַר דיר
פון אָט דער וואַנט — דײַן גזר.

„דאָס שרײַבט די האַנט פון גאָט:
לײַכט ביסטו אין דער וואָג.
גערעכט איז מײַן געבאָט —
עס קומט דײַן לעצטער טאָג״.

די אויפשריפט פון דער וואַנט
לויפט דורך דעם לערן זאַל.
די אומזעבאַרע האַנט
האָט אָפגעשטעלט דעם באַל.
ס׳איז אײַנגעפעסט דער גזר:
נאָך אין דער זעלבער נאַכט
עס האָבן זייער האַר
די בבלים אומגעבראַכט.

וואַסערן, ווינטן און פעלדזן

וואַסערן, ווינטן און פעלדזן

וואַסערן, ווינטן און פעלדזן
און וואָלקנס איבער אונדז אין דער הויך.
דער האָריזאָנט ברענט מיט פאַרבן פון העלזען
און די זעונג נאָך נעפּלט אין רויך.

די זאַמדן בײַם ברעג, ווי געוועבן,
ווי לאָקן — די כוואַליעס פון ים.
און ס׳מורמלען אָן אויפהער און ס׳לעבן
אַלע פאַרבן אין איין לופטיקער ראַם.

די וואָר ווערט פאַרפאַלן אין רוימען
ווי שלאָף: ס׳איז אי וואָר, אי ניט־וואָר.
ס׳צעפאַלן די טאָגיקע צוימען,
די נאַכטיקייט העלט זיך, ווערט קלאָר.

ווי די פּאַלמע

צו דער רחבות פון ים בין איך געקומען,
און אַלץ,
וואָס איז מיט שווערן בלײַ
געלעגן אויף מײַן גומען —
ווערט דערלייזט,
קײַקלט אַראָפּ זיך טראָפּנווייז,
ווי דער שווערער, טראָפּישער רעגן,
און דערנאָך
בלײַב איך, ווי די פּאַלמע,
וואָס באַפרײַט זיך פון די שטויבן,
ווען דער רעגנשפּריי
פון אויבן
דערפרישט זי,
און פון די נעסטן
טראָגט זיך ווידער
פרייד-און פלי-געזאַנג
און אַרום ווערט אַלץ בלוי
פון בלוי.

הונדערט צוואַנציק טעג

דורך הונדערט צוואַנציק טעג האָב איך בײַ דיר געגאַסטיקט.
דײַן אַנסוף-פּנים האָסט פאַר מיר געשפּרייט.
מײַן אָטעם איז געוואָרן טיף און האַסטיק,
מײַן צער האָט זיך אײַנגעהילט אין פרייד.

האָסט מיר געוויזן דײַנע גענג, דײַן פירונג —
פון מילד און שטיל, פון אויפברויז און פון שטורעם.
אָט האָסטו זיך באַקליידט אין דימענט-צירונג,
אָט האָסט ביזן הימל אויפגעטורעמט.

דײַן שטים האָט ביזן ביין מיך דורכגענומען.
איך האָב געפאָרשט דײַן אומפאַרשטענדלעך לשון.
אין וויײטיקן בין איך צו דיר געקומען —
האָסטו מײַן וווּנד געזאַלבט און אָפּגעלאָשן.

דורך הונדערט צוואַנציק טעג איך האָב געלערנט
דײַן רחבות, און זיך צוגעהערט כּסדר
צו שטראָמען דײַנע ביז צו קאָנטינענטן —
צו דײַנע רעטענישן און דײַן סדר.

ביסט גוט געווען צו מיר, ווי טאַטע-מאַמע.
געבאָדן מיך און איבער מיר געוואַכט,
געהייסן זינגען מיך מיט דיר צוזאַמען,
און אין דער זון — מיט מיר האָסטו געלאַכט.

אַלבאַטראָס

פּאַר ה. רויזענבלאַט

איך בין דער אַלבאַטראָס. מײַנע פליגל — בויגיק.
מײַן גוף איז אָנגעשטאַלט אַנטקעגן ווינט.
די ימיקע ווײַטקייט שפּיגלט זיך אין מײַנע אויגן,
דאָס געזאַנג פון שטורעם הילכט אין מײַן שטים.

ווען דער טאָג איז נאָך זוניק און לויטער
און די שיפן וויגן זיך אין רו —
פאַרנעם איך אָנזאָג פון די ווײַטן,
און איך הער דעם דראָענדיקן רוף.

און איך נידער אַראָפּ צו די טיפן
און צערײַס די שטילקייט מיט געשריי:
זאָלן זעגלער זײַן גרייט אויף די שיפן —
דער שטורעמווינט גייט!

אַ זעגל

דער ווײַסער זעגל איבערן ים דעם בלויען
באַרויִקט און שטילט אין מײַן שאַרפֿן טרויער.
איך זע אים אין אומענד, אין גרענעצלאָזער ברייטקייט.
ווי ער איבערן ים — שווימט איבער מיר דער ווייטיק.

רעגן אין דרום

דאָ דונערט מילד. אַ גרינע ראַזיקייט צעשפּרייט זיך
אויף גאַנצער פּלאַך. אַ האָרן שאַלט.
אַ וואַרעמקייט דרינגט דורך, צעגייט זיך
אין בליציקייט. די גאַנצע לופט ווערט דורכגעשטראַלט.

אַ זילבערקוואַליק שפּעדיקער רעגן
טרינקט אָן ביז פול דעם דורשט פון בוים און גראָז,
און טראָגט זיך שנעל אַדורך, דערפרישט די וועגן,
שטעלט אויף אַ רעגנבויגן גרין און ראָז.

און ווידער דונערט. פעלדער ענטפערן מיט ברומען.
וועלדער ווערן טונקל־גרין און שטיל דערפרישט.
מיט דימענטן באַצירן זיך די בלעטעלעך פון בלומען
און אַלע ווידמונגען גענוסן פון דעם רייַך געגרייטן טיש.

בײַם פּאַסיפֿישן ברעג

אַ ברוינער דער זאַמד בײַם פּאַסיפֿישן ברעג.
אין גאָלדענעם חלום מײַן טאָג דאָ פֿאַרשוועבט.
ווו ים איז פֿאַרזונקען אין כוואַליעס און שוים —
מײַן זומער וויגט אויף זיך, ווי איבער אַ תּהום.

איך שטיי אויף פֿאַרפֿרי, מיטן גאָלד פֿונעם נײַטאָג
דער ים נעמט אַרום מיך — מיט ציטער איך זאָג:
„מײַן ים, איך האָב ליב דיך, איך בין פּונקט ווי דו —
מיט הימל אין אויג, און איך ווייס ניט פֿון רו".

צעלאַכט זיך דער ים און אים ענטפֿערט די טיף.
דערשפּיר איך סכּנה, ווי אין שטורעם אַ שיף.
מײַן פּנים איך ווענד צו דעם ים און איך פֿרעג:
„צו וואָס איז דײַן שטורעם? דיך צאַמט דאָך דער ברעג".

אַ וועל קומט, צעשיט זיך אין פּערל, אין שוים,
אַן אַנדערע קומט און פֿאַרשווינדט אינעם תּהום:
„געבוירן דאָ ווערן, און ווערן צעשטערט —
אַזאַ איז דער גורל, וואָס איז אונדז באַשערט.

„די כוואַליעס פֿאַרשווינדן, נאָר בלײַבן וועט ים —
פֿאַרגייסט, זענען נײַע מיליאָנען פֿאַראַן".
אַזוי זינגט דער ים מיר אַן אויפֿהער זײַן ליד,
בראשיתדיק יונג און אויף אייביק ניט מיד.

בײַם ברעג פֿון פּאַסיפֿיק אַ דאָרף איז פֿאַראַן.
האָב איך זיך פֿאַראַנקערט, ווי אַ שיפֿל בײַם ים.
צום סוף האָריזאָנט מײַנע אויגן כ'בינד צו:
„מײַן ים, איך האָב ליב דיך, איך בין פּונקט ווי דו".

האָרכיק

איך פֿאַרנעם פֿון זאַמד די שטים,
איך פֿאַרנעם דאָס קול פֿון שטײן,
איך הער פֿון טײַכן דעם הימן,
איך הער פֿון טראָפּן דאָס געװײן.

און איך אַלײן —
בין זאַמד און שטויב
צװישן ערד און שטערן.
איך שיק גאָט ברוך הוא אַ לויב.
ער װעט מיך דערהערן.

ים

פּערל. גאָלד. זילבער אין הימל.
וועלן־געוויג. בענקשאַפט און ליד.
צויבער־געזאַנג. געוויג ווי אין דרימל.
ים, נעם מיך מיט!

נעם מיך און טראָג מיך צו לאַנד און צו לענדער.
איך וויל זײַן דײַן ניגון און זינגען, ווי דו.
אין שימער פון זון וועל איך לײַכטן און בלענדן,
אין אייביקן אומרו זינגען פון רו.

הימל און ווײַטקייט. געפּליקע פאַרבן.
שטילקייט אין מיר — און אַ שטים אויפגעהעלט.
באַלד וועט מיר גוט זײַן ביז אויסגיין, ביז שטאַרבן —
אַ זעמדעלע זײַן אויף דער וועלט.

מאָרגנפרייד

די שטילע שטראָמען ליכט מיך דרינגען דורך,
און איך ווער דורכזיכטיק, ווי די בורשטינען.
ווער בין איך איצט? אַ וועלט פון ערגעץ־ווו
שטראָמט דורך דער אייביקייט בײַם פולן זינען.

איך קום צום ברעג פון ים. ווערט פול מײַן אויג
מיט ברעג און וואַסער אין דעם וועלט־געלײַטער.
ווער בין איך איצט? אַ זעמדעלע, אַ שטויב,
וואָס טראָגט זיך אין דעם מאָרגן ערגעץ ווײַטער.

מײַן פנים — צו די בערג. מײַן בליק ווערט פול מיט ליכט.
איך גלײַך זיך אויס. איך וואַרט אויף עפּעס גרויסעס.
איך ווער אַליין אַ באַרג, פאַרשטיינערט — מײַן געזיכט,
און פינגערשפּיצן מײַנע שרײַבן אָט די אותיות.

מיט בענטשנדיקע פינגער

מיט בענטשנדיקע פינגער האָט גאָט דאָ צעשאָטן
געוועבן פון גאָלד, פון קופּער און בורשטין,
און הימל און וואַסער אין ליכט און אין שאָטן,
און סאָסנעס, וואָס ברענען און בליִען אין גרין.

די רויִקע וואַסערן — דורכזיכטיק־בלויע,
וואָס שטראָמען צווישן בערג — מיט יעדן נויג
פאַרוואַשן זיי פון טעג מײַנע שווערע דעם טרויער,
פאַרפירן און דערפרייען אויף אַ ווײַלע מײַן אויג.

מיט בענטשנדיקע פינגער האָט גאָט דאָ צעשאָטן
געוועבן פון גאָלד, פון קופּער און בורשטין,
און הימל און וואַסער אין ליכט און אין שאָטן...
און מיך מיט מײַן טרויער געבראַכט אויך אַהין.

בײַם ראַנד

װעסט מער ניט באַגלייטן מיט אומעט די שיפֿן,
װאָס װעלן פֿאַרשװינדן בײַם האָריזאָנט.
איך זע דײַנע אויגן, די שװאַרץ־בלויע טיפֿן,
מײַן בענקשאַפֿט נאָך טיפֿער מיך נאָגט און דיך מאָנט.

איך קום און איך פֿאָרש אױם דעם סוד פֿון די תּהומען,
איך װיל אַלע שטימען פֿון ימים פֿאַרשטײן.
איך װיל אויך דערהערן אַן ענטפֿער פֿון רױמען —
דעם זין פֿון דאָ זײַן און דעם גזר פֿון פֿאַרגײן.

צווישן פאַרבן

איך שטיי צווישן פאַרבן פון טאָג און פון נאַכט,
לויטערקייט, בלויקייט צעגליט זיך אין ראָז.
דער הימל, ווי אין טאָג פון בראשית, פאַרטראַכט,
דער ים ווידערהאָלט די געזאַנגען פון גראָז.

דאָס פּנים פון ים איז אין צווייען צעטיילט:
איין אויג צו דער נאַכט, און דאָס אַנדערע גליט.
מיט ליפּן פול פײַער ער זינגט און דערציילט
די אייביקע סודות פון שיינקייט און ליכט.

ראַנדן פון אָפּגרונט

בין איך געזעסן אליין
אין אַ זוניקן דרום-באַגינען
און געפרעגט: צי בין איך אַ שטיין,
וואָס כ'קאָן זיך קיין פריינד געפינען?

די וואַסערן האָבן געשוימט,
געלאַכט און גערוישט.
אין מיר האָט דער יִיאוש געתהומט,
ביַי ראַנדן פון אָפּגרונט געבְרויזט.

ווי אַ בין

ווי אַ בין צו בלום צוגעפֿאַלן —
אַזוי טרינק איך פֿון דײַן שיינקייט, דרום.
בײַ טאָג מיך זוניקן די שטראַלן,
בײַ נאַכט — מיך בלויִקט די לבנה.

איך רייד זיך דורך מיט די ווײַטע שטערן —
זיי בלישטשען פֿון די הימל-געצעלטן.
רפֿואהדיק ווײַן איך אויס מײַנע טרערן
אין באַגעגעניש מיט אַנדערע וועלטן.

אַ זעונג

די בערג וועלן צעפאַלן, דער ים וועט זיי פֿאַרשלינגען,
אַ תּוהו ובוהו וועט זײַן אויף דער ערד.
די וועלט וועט פֿאַרזינקען אין וואַסער־רינגען
אַראָפּ אין די תּהומען — פֿון קיינעם ניט דערהערט.

און איבער די וואַסערן וועט אויפֿגיין די לבנה.
קיין מענטשנס אויג וועט איר פּנים מער ניט זען.
די ימים וועלן מורמלען, דערציילן פֿון סכּנות,
פֿון דער ערד, וואָס איז אַ מאָל אַ בלום געווען.

נאָר ערגעץ, אין ווײַט, וועלן טראָגן זיך לידער —
פֿאַרבליבענע בענקשאַפֿט און וואָרט פֿון פּאָעט,
און איבער דער וויסטקייט — אין תּהום און אין נידער —
צו אייביקייט זינגען וועט אונדזער געבעט.

איך הער

איך הער די טומלענישן שאַלן,
איך הער פון דורות דעם געדראַנג.
אין זאַמד פון מדבר ווערט פאַרפאַלן
פון טריט מיליאָניקע דער גאַנג.

איך הער פון שטויבעלעך דאָס לשון,
ווי נאָר דער שטורעם זיי דערוואַכט.
איך הער דאָס קול, וואָס אויסגעלאָשן,
איך הער דאָס מויל, וואָס איז פאַרמאַכט.

און מיט אַ מאָל — איך הער דעם גאַנג
פון אַלע די, וואָס קומען נאָך.
שאַלן ווערט דאָ לאַנג נאָך, לאַנג,
די אייביקייט פון פרייד און יאָך.

מדבר

ווי בלענדנדיק און ענדלאָז ביסטו,
מיט אַלע שטורעמס ביסטו שטום.
מײַן נאָענטע און טרײַע וויסטע,
אין אַלץ איך זע דיך, אומעטום.

אין שטעט, אין אונדזערע, אויף שטיינער,
אין אַלע הויכע מויערווענט,
אין מיר, דער איינזאַמער, דער איינער —
דײַן עלנט מדברדיקער ברענט.

נאָר ס׳פעלט אונדז אויס דײַן בליציק לשון,
דײַן שווײַגן און דײַן אויסגעשריי,
און טיף אין אונדז דו ליגסט פאַרשלאָסן,
ווי ס׳ליגט אין שטומקייט אונדזער וויי.

נעוואַדאַ

נעוואַדאַ-פּאַל, איך טראָג דײַן נאָמען.
נאָר דו — דו זינגסט צו פעלדז און שטיין,
און איך — צו מענטשן טראָג, ווי זאָמען
די ווערטער פון מײַן שטיל געוויין.

אין צווישן בערג און אייביק שווײַגן
דו שטראָמסט אַ האַסטיקע און פאַלסט,
און אין אַ פלאָנטערניש פון צווײַגן
דײַן שפּראַך דו ניט באַהאַלטסט.

און איך, כאָטש ניט אין צווישן שטיינער —
איך טראָג מײַן ליד אויך אין געהיים.
פון וואַנען קומט עס? ווייסט ניט קיינער —
ניט צווישן פעלדזן איז זײַן היים.

הויכקייט. פעלדזן. שווײַגן. שטיינער —
דאָרט שטראָמסטו און דו זינגסט דײַן ליד.
וואָס מיינט דײַן ליד? דאָס ווייסט ניט קיינער.
דו שווײַגסט, ווען ווערסט פון זינגען מיד.

ספינקס

זון פאַרגייט אין הימלען רויט.
ספינקס איז שווייַגנדיק ווי טויט.

זאַמדן הייסע גליִען שטום.
מדבר אָטעמט מיט סאַמום.

שאָטנס פאַלן צו דער ערד.
לבנה שאַרפט זיך ווי אַ שווערד.

שאָטנס שטעלן זיך אויף וואַך.
הימלען זאַפּן אָן מיט נאַכט.

ספינקס, איך שטיי אנטקעגען דיר,
און דייַן סוד — אָן אַ באַריר.

וואָס האָסטו ביז איצט געזען?
וואָס געווען? וואָס ניט געווען?

יאָרן טויזנטער דו היטסט —
און דער הימל איז נאָך וויסט.

צײַט פֿאַרבײַט אַן אַנדער צײַט.
ווײַט בלײַבט ווײַט — ביז אייביקייט.

נאַכט פֿאַרהילט אין בלוי און שוואַרץ
זאַמדן הייסע און דאָס האַרץ.

ספֿינקס, דו ספֿינקס, מיט האַרץ פֿון שטיין —
קענסט דעם מענטש מיט זײַן געוויין?

וויפֿל קאָסטו מענטשנבלוט,
וויפֿל פּײַן און טרערנגלוט?

ספֿינקס בלײַבט שטום. בלײַבט שטיין.
צווישן זאַמד איז מענטש אַליין.

זאַמד. לבנה. מדבר. נאַכט.
ספֿינקס היט אָפּ יאָרטויזנט אַכט.

שפּעטזומער אין די בערג

מיט בענטשנדיקע הענט האָט דאָרט גאָט צעשאָטן
געוועב פון גאָלד און קופּער, פּורפּור און בורשטין.
די הימלען — לויטער, זון און לײַכטער שאָטן.
די שלאַנקע סאָסנעס ברענען ליכטיק־גרין.

די וואַסערן — דורכזיכטיקע, בלויע —
וואָס שטראָמען אַזוי רחבותדיק און ברייט,
פון מײַנע טעג פאַרוואַשן זיי דעם טרויער,
פאַרפירן אין דער ווײַט מײַן האַרץ און אויג.

מיט רוקנס צום הימל ליגן קעמלען ווײַסע.
אין רעגנבויגנס לײַכטע זינגט אַרײַן דער בלוי.
צווישן בערג און וואַסער ווער איך שוין אַ ווײַטע —
און ס'דעמפט מײַן ווייטיק אויס, ווי טראָפּנס טוי.

געזען

איך האָב געזען
דײַן זונפאַרגאַנג אין דרום-פּלאַקער,
ווען ס'פּאַלן די רגעם אַראָפּ;
די ליכטיקייט ווערט אומגעהויער
און דערנאָך —
אין שווערע שאָטנס פאַרשלונגען.

נאָר
פון דײַן פאַרגאַנג
לײַכט טרויער-ליכטיקייט אין מיר
און לײַטערט
אָן אַן אויפהער.

בענקשאַפט

ווי שטיל דאָ איז! איך דאַרף ניט קיינעם הײַנט.
אַרום מיר בערג — זיי שטײַגן העכער הימל.
פון באַרג און ווײַטקייט בין איך איצט אַ פרײַנד,
און צווישן זיי און מיר — אַ זילבערדרימל.

אַן אָדלער טראָגט זיך אין די הייכן פרײַ.
נעם מיך, אָדלער, אין דײַן וועג דעם ווײַטן!
פון דאָרט וועל איך די וועלט דערזען אויף ס'נײַ —
און אפשר אויף אַ פויגל זיך פאַרבײַטן.

און אפשר — אפשר אויך אַן אָדלער זײַן,
זיך טראָגן העכער, דאָס האַרץ פון זון באַקוקן.
מײַן בלוט וועט ווערן טונקל־רויטער ווײַן —
און פליגל וועלן וואַקסן אויף מײַן רוקן.

☆

פון דרום-לאַנד איך פֿאָר אויף צפֿון,
פֿון זון איך פֿאָר צום קאַלטן לאַנד,
און אַלע וועגן ליגן אָפֿן,
פּונקט ווי די ליניעס פֿון מײַן האַנט.

אַזוי פֿיל יאָרן שוין פֿאַרפֿלויגן
און קיין באַקאַנטן ניט געזען —
די ברוינע שײַן פֿון מײַנע אויגן
מיט בענקשאַפֿט און מיט טרויער ברענט.

בײַם אַטלאַנטיק

בײַם ברעג פון אַטלאַנטיק איך הער דעם פּאַציפיק —
איך הער זײַנע רופן אין טוויזנטער שטימען.
ער שרײַט דורכן מדבר מיט וואָרט יעראָגליפיק
און אַלע קול־קולות פאַרוואַנדלען אין הימען.

וואָס זאָל אָט דער שרײַיִקער הימען באַדײַטן?
וואָס זאָגט ער אונדז אונטער דער שײַן פון די שטערן?
ער ברענגט מיר די גרוסן פון אוראַלט דעם ווײַטן,
ער בייזערט זיך איבער דעם זײַן־און־ניט־ווערן.

איך הער די געשרייען פון צוויי אָקעאַנען,
און ביידע דערציילן פון מופתים און אותות.
איך פיל דעם געפּאַך פון די צײַט־הוראַגאַנען —
דעם קאָכיקן תהום פון די מעשי־בראשית.

אָקעאַן, וואָס דערציילסטו?

אָקעאַן, וואָס דערציילסטו?
דו רוישסט מיט מיליאַניקע שטימען.
די צײַטן פון אייביקייט ציילסטו?
צו שטערן זינגסטו די הימנען?

און איך בין פון פרעמדקייט געקומען —
איז שווער מיר דײַן לשון פאַרשטיין.
קיין ווערטער נישטאָ אויף מײַן גומען —
מײַן אויג בלויז קאָן לויבן דײַן חן.

☆

אָקעאַן, איך רעד צו דיר מײַן מענטשיש לשון,
דערצייל דיר מײַן פּײַן און מײַן וויי.
מײַן לעבן, וואָס ווערט באַלד פאַרלאָשן
אין לידער בלויז דיר איך דערצייל.

און די ענטפערסט מיר מיט געזאַנג —
מיט געמורמל אָן זין און אָן וואָרט.
מײַן ווייטיק ווערט טיפער און גרעסער,
ווען כ׳ווער מיט דײַן אומענד געפּאָרט.

☆

ים, איך בין היינט שטורמישער פון דיר —
דו ליגסט איצט אַ שטילער.
פון דיינע וואַסערן די רו,
פון דיין זילבער דער באַריר —
זיי ברענגען מיר ווידער דורך אַלע צוריקן —
מיין פרייד און אַנטציקן.

שוין אָפּגעקילט דיין ברעג.
דיין לויף איז איצט האַרבסטיק און פאַרענדערט.
און איך בין אַליין
אין סוף פון די לאַנגע טעג,
און דו שווימסט אַדורך,
ווי אַ זילבערנע לעגענדע.

☆

האָסט פאַרבריטערט מײַן האַרץ און מײַן אָטעם פאַרטיפט.
האָסט אויף כוואַליעס מיך געוויגט ווי אַ שיף.
האָסט מיך מיט פערל באַקרוינט, האָסט מײַן פּנים געקושט.
אין דײַנע וואַסערן האָב איך פון רו זיך דערוווּסט.

האָסט מיך מיט דײַנע געזאַנגיקע שטימען געטרייסט,
ווען מיט בייזקייט פון רייד האָבן מיך מענטשן גערייצט.
האָסט, ווי אַ מאַמע איר קינד, מיך געשטילט מיט פאַרשטיין,
און אָראָפּגעקײַקלט פון מײַן האַרץ די שווערקייט, ווי אַ שטיין.

אויפן ברעג

איך שטיי ביַי דעם ים, איך זע זיַין געראַנגל,
איך הער פון זיַין אָפּגרונט די שטים,
און ס'דוכט זיך מיר אוים: איך אַליין ווער פאַרוואַנדלט
אין זיַין וועל, אין אַ טראָפּן פון אים.

אַט שטיַיג איך אויף כוואַליעס, אַט פאַל איך אין טיפן,
אַט ווער איך געבוירן, פאַרשווונדן איך ווער,
צעשלאָג זיך אָן שפּיציקע שטיינער פון ריפן —
אַט בין איך ניטאָ מער... און ווידער איך ווער.

זונפאַרגאַנג

אין זונפארגאַנג איך שטיי ביַים ברעג.
מיליאָנען זיַינען דאָ געשטאַנען
פון אָנהייב ביזן ענד פון טעג —
און ווער פון זיי האָט דען פארשטאַנען,

פאַר וואָס איז פלאַמיק דער פאַרנאַכט?
פאַר וואָס ברענט ים מיט פיַיער־פארבן?
פאַר וואָס קומט אָן אין בלוי די נאַכט
נאָך איידער טאָג איז גרייט צום שטאַרבן?

☆

איך האָב צו זון און זאַמד זיך אָפּגעגעבן
און אין די זאַלציקייטן גיי איך אום.
מײַן הויט און מיינע אַלע גוף־געוועבן —
ביז מינדסטע צעלן — זינגען שטיל און שטום.

מיט בורשטין האָט מײַן בליק זיך אָנגעטרונקען.
מײַן פּנים גאָלדיקט מיט אַ טונקל בראָנדז.
ווי שטראַלנדיקע ליכטיקייטן־פונקען —
אויף באַקן מײַנע בליט אַ צאַרטער ראָז.

די זון האָט מיך אַזוי אַדורכגעדרונגען,
אַז דורכזיכטיקער איז מער ניטאָ.
פון אַלע לידער, וואָס איך האָב געזונגען,
דאָס לעצטע בלײַבן זאָל פון אָט דער שעה!

אין פנים פון ים

אין פנים פון ים קאָן מען קוקן אָן אויפהער,
זײַן שיינקייט שטײַגט איבער, פאַרפּלייצט דעם פאַרשטאַנד.
ס'איז שווער צו דערוויסן זיך, וואָס איז זײַן צויבער —
דער אומענד, צי דער האָריזאָנטישער ראַנד?

דאָס ליכט אויף די כוואַליעס? דער אויפשטײַג פון
תהומען? —
שוין יאָרן מיט יאָרן איך זע אים, און פאָרש
די שפּיל פון די וועלן, דעם דראַנג פון די שטראָמען —
און כ'קאָן אַלץ ניט שטילן פון נײַגער מײַן דאָרשט.

ניו-יארק

צוריק פון מדבר

שטיינערנע ווענט אַנשטאָט מדבר
זע איך, ווען כ׳קוק זיך אַרום.
כ׳גיי איבער גאַסן און זינג נאָר —
טויב בלײַבט די שטאָט מיר און שטום.

כ׳פיל נאָך דאָס שטעכן פון דאָרן
אין דעם באַריר פון די הענט.
טרוקענער, מדברשער צאָרן
גליט אויף די שטיינער און ברענט.

עלנט געוואָי פון שאַקאַלן
דאָ, אין די ווענט פון דער שטאָט?
דאָ, ווי אין מדבר, פאַרפאַלן
וועט ווערן מײַן ליד און מײַן טראָט?

באַזונדער

דעם ווײַטן וועג איך גיי באַזונדער —
איך וואָגל, ווי דער ווינט בײַ נאַכט.
איך זוך דעם ברונעם־שפּיגלס וווּנדער,
וואָס ווײַטער פון דעםברייטן שליאַך.

איך גיי און בלײַב בײַם זוים פון ראַנדן,
אין שטערן לייען איך אַ ליד.
איך וואַרט: די נאַכט גייט זיך פונאַנדער
און איך טרינק אוים דאָס ערשטע ליכט.

און דעמאָלט זאַמל איך די קלאַנגען
צוזאַמען אין אַ בלויען קויש.
דאָס וואָרט און גאָלד פון די געזאַנגען
טראָג איך דורך ווינט און שטאָט־גערויש.

ריווערסײַד־דרײַוו

אין זוניקייט — דער ברייטער דרײַוו.
די שטילע ביימער בליִען, בליִען
בײַם ברעג פון נעפּל־בלויען טײַך
און אַלע וועגן ווײַט זיך ציִען.

צו אַלע עקן פונעם לאַנד
אײַלט דאָס געלויף פון די מאָטאָרן.
און יעדן רודער פירט אַ האַנט
צום ענד און ציל פון אַלע יאָרן.

און צווישן זומערדיקן גרין
עס הילכן פריילעך קינדער־שטימען.
און ווידער קומט מיר אויפן זין
מײַן קינדהייט — נישט צום אָפּגעפינען.

דעם דרײַוו באַזוימט דער זילבערטײַך,
און קעגן איבער טונקלען וועלדער,
און פון אַ בריק — די סטרונעס גלײַך
מיר וועבן אויס אַ לופט־לעגענדע.

די שמאָלע שיפן שווימען שטיל,
ווי שוואַרצע שוואַנען צווישן ברעגן,
און רויכן אין אַ נעפּלהיל
זיך ציִען הויך, דער זון אַנטקעגן.

☆

דער פאַרנאַכט איז קופּערדרויט און ראָז
און זײַן גלאַנץ שפּיגלט זיך אין יעדער שויב.
גרינער ווערט אין פעלד דאָס גראָז,
און שטילער אויפן וועג — דער שטויב.

נאָר שטאָט ווערט רוישיקער ווי אַלע מאָל,
די מענטשן ציִען מידע זיך אַהיים.
דער אָוונט גיסט זיך דאָ ווי גרויער שטאָל,
און אין דער ענגשאַפט — יעדער בלײַבט אַליין.

הײַנט

איך גיי גאַס־אײַן, גאַס־אויס. ס׳ווערן נאָענט מיר ווײַטע מענטשן:
איך טראָג דײַן וואָרט מיט זיך, פון דײַן ליד — דעם דינעם פלאַם.
מײַן האַרץ איז אָפן. מיט ליפּן שטומע ווילט זיך מיר הײַנט בענטשן —
די ערד, די וואַסערן, די וועלדער — מיט זיך און מיט דיר צוזאַם.

שלעסער אין שפּאַנישן מוזיי

איך האָב געזען אין שפּאַנישן מוזיי,
ווי אונטער גלאָז עס ליגן אַלטע שלעסער.
אַ צוגעשמידטע שטיי איך איבער זיי —
אין מײַנע אויגן ווערן זיי נאָך גרעסער.

איך זע זיי אויסגעלייגטע אין אַ ריי.
פון וואַנען קומט איר און פון וועמענס טירן?
צו מיר דערטראָגט זיך פּלוצעם אַ געשריי,
דעם טעם פון פאַרטײַעטקייט כ׳טו שפירן.

ווער האָט באַרירט אײַך, וועמענס האַנט
געקומען איז די רו בײַ נאַכט צעשטערן?
ווער ליגט באַהאַלטן בײַ אַ קעלערוואַנט
און שטרענגט זיך אָן די שונאים-טריט דערהערן?

די שווערע שלעסער שלאָפן אונטער גלאָז,
באַהאַלטן אינקוויזיציע-נעכט געהיימע,
און ווי מצבות אין בית-עולם-גראָז —
זיי וואַרפן אָן אַ פּחד און אַן אימה.

איך גיי אַוועק פון זיי. זיי גייען נאָך
מיט אײַזערנעם עקשנותדיקן גליווער:
פון שבת-רו, פאַרוואַנדלטער אין וואָך —
דעם טרויער זייערן מיר גיבן איבער.

אויף איסט־בראָדוויי

דאָ שוועבט נאָך אין דער לופט די שטים פון אַברהם רייזען,
מיר דוכט זיך, אַז איך הער נאָך אַלץ דעם עכאָ פון זײַן וואָרט.
נאָר אַלץ איז איצט צעשטויבט, ווי בלעטלעך טרוקענע פון רויזן,
און אַלץ איז אַנדערש, כאָטש דאָס זעלביקע געבליבן איז דאָס אָרט.

אָט דאָ, נאָר וואָס — מיר דוכט — מיר זײַנען בײַ זײַן טיש געזעסן,
געשלונגען זײַנע קלוגע גוטע רייד, ווי ברויט, צו זאַט.
איצט זיצן פרעמדע דאָ. זיי טרינקען און זיי עסן,
און גלײַכגילטיק זיי לייענען די נײַעסן פון בלאַט.

1957

אָוונטבריט

די מידע מענטשן גרייטן טישן.
אַ שטיקל ברויט. אַ ביסל זאַלץ.
מיט יאָך און מי די טרער זיי מישן —
אין פּײַן פון אָנגעמען דאָס אַלץ.

די שיסלען פּאַרען ווי מזבחות
אין שפּעטער אָוונטדיקער שעה —
דער קרבן פון די אַלע כּוחות,
וואָס ווערט געבראַכט דעם גאַנצן טאָג.

דער צאָרן פון די גוטע מענטשן,
וואָס בויען אויף פאַר אונדז דאָ אַלץ,
גייט אויף אין מיטן זייער בענטשן
אויף יעדן ביסן ברויט מיט זאַלץ.

פּאַרק און ווינט

דרײַ פּערטל פֿון פּנים האָט הײַנט די לבנה
אין שטילן, אין נאַכטיקן פּאַרק.
די ביימער פֿאַרציטערטע, ווי אין אַ סכּנה,
די צווײַגן זיך שטרעקן פֿאַרדאַרט.

אַ ווינט וויגט דעם פּאַרק — די ביימער, די צווײַגן,
אין זילבערנער וויג פֿון דער נאַכט.
און פּלוצעם ווערט שטיל, און סודותדיק שווײַגן
ווערט שלאָף. בלויז מײַן אומרו ווערט וואַך.

ווינטער אין פּאַרק

דאָס קלאָרע וואַסער אונטער אײַז.
דער ברוינער פּאַרק — אין שנייען ווײַס.
די ביימער שטרעקן אויס די הענט.
די שנייען פאַלן. ווינט פאַרבלענדט.

איך גיי אין טאַנץ מיט ווײַסן שניי.
איך דריי זיך מיט דעם ווינטס געדריי.
ליב איז מיר די וועלט אין ווײַס —
די ביימער און דער טײַך אין אײַז.

אַ היים אין די בראָנקס

שטיל איז אין די צימערן, קיינער איז ניטאָ.
ס'איז אַ היים אין פרעמדקייט פון זכרון.
ווי אַ פויגל איינזאַם פּאַכעט שטיל אַ שעה —
שטיל שוין, אַ באַרויקטע פון יאָרן.

רופסט עס היים, נאָר ס'איז אַ היים אין פרעמד,
ניט די שטאָט די ייִדישע, וווּ כ'בין געבאָרן.
אַזאַ היים — זי וואַרעמט ניט, ווי אַ געבאָרגטע העמד,
וואָס איז פאַר עמעצן געניית געוואָרן.

בײַם איבערקרײַץ פֿון רױשיקע גאַסן

בײַם איבערקרײַץ פֿון רױשיקע גאַסן
האָב איך געװאַרט אױף דיר בײַם ראָג.
מאַשינען האָבן מיט רודער און רעשן
געשניטן שטיקער פֿון מײַן טאָג.

כ'האָב דערמאָנט זיך די בערג־קעפּ אין שנײען,
זײ האָבן װעגן אײנזאַמקײט גערעדט —
אַז גוט איז אײן װעג גײן אין צװײען...
און געװאַרט אױף דיר האָב איך ביז שפּעט.

די שעה איז עלף

איינזאַם איך גיי איבער נאַכטיקע גאַסן,
מיך יאָגן די רוישן און רעשן פון שטאָט.
די פײַערן גרינע און רויטע זיך כּעסן,
דעם ריטעם פון ליד ציילט אויס האַסטיק מײַן טראָט.

די אײַליקע אויטאָס זיך יאָגן אין פיבער.
זיי טראָגן זיך שנעלע — פאַרבײַ און פאַרשוווּנדן.
נאָר טויזנטער פינצטערע פענצטער, ווי גריבער,
דערוועקן זיך פּלוצעם ווי ברעניקע ווונדן.

צוויי שטראַליקע ווײַזערס דערזע איך אין הימל —
פון ערגעץ אַ ווײַטן צעלויכטענעם טורעם.
זיי וועקן די שטאָט פון איר שלאָף, פון דעם דרימל
און טײַטלען די שורה: זײַ גרייט פאַר דעם שטורעם!

איך טראָג זיך דורך גאַסן, איך צייל אַלע צייכנס —
פון ליכטיקע ווײַזערס די לעצטע מינוטן.
איך ווענד מײַנע בליקן אַרויף צו די הייכן:
אַ סימן איך זוך: קאָן דאָס אַלץ זײַן צום גוטן?

בחצי הלילה

אין טיפער נאַכט איצט שלאָפֿט די שטאָט,
נאָר ס'זיַינען וואַכיק די אָרומען.
איך הער דעם שטילן טראָט פון גאָט —
ער איז באַשיצן אונדז געקומען.

אַרום די שטעט ער מאַכט אַ קריַיז.
דער קריַיז וועט אונדז פון שלעכטס באַהיטן.
אַ ליכטיקייט טיף־בלוי און וויַיס
וואַקסט־אָן און שטיַיגט־אויף פון דער מיטן.

אַרום די שטעט אַ גיַיסט איצט שוועבט,
ער דרעמלט ניט, ער וועט ניט שלאָפֿן.
אַ היטער זיַי פאַר אַלץ, וואָס לעבט —
פאַר דיר פאַרבאָרגעניש איז אָפֿן.

אין טיפן שלאָף איצט רוט די שטאָט —
מיט מענטשן פול, מיט קליינע קינדער.
פון אַלעם שלעכטס היט אָפּ אונדז, גאָט,
ווי ס'היט דער פאַסטעך זיַינע רינדער.

שאַפּ

איז לאה געפֿאָרן פֿון שאַפּ צוריק,
איז לאה געפֿאָרן אַהיים,
האָבן זיך פּלוצעם די סאָסנעס צעוויגט,
דאָס האַרץ האָט געיאָמערט אַ ביטער געוויין.

געווען ערב־פֿרילינגדיק זײַנען די טעג
מיט לויטערע מאָרגנס, געפֿרוירענעם טוי.
געבענקט האָט דאָס מיידל, געבענקט אָן אַ ברעג,
נאָך וואַלד און נאָך פֿעלד, נאָך דעם הימלישן בלוי.

איז לאה געפֿאָרן ווידער אין שאַפּ,
קליידער צו נייען — פֿאַרנייען די טעג.
די סאָבוויי אין קאָפּ — אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ,
און ס׳קלאַפּט אויס די בענקשאַפֿט איר אייגענעם שטעג.

איז לאה געקומען אין פֿינצטערן שאַפּ,
די באַקן געפֿאַרבטע, די ליפּן, אויף רויט.
איר רויטקייט די יונגע, פֿון אייגענער באַק,
האָט לאה אין קליידער די פֿרעמדע פֿאַרנייט.

☆

א גאַנצן טאָג
קאָן די זון
צום פענצטער זיך ניט פאַרקלײַבן,
ניט געפינען דעם מענטש
דורך לאַבירינטן
פון ווענט און אייזן.

פון לאָמפּן —
דאָס שטעכיקע ליכט איבער קאָפּ
דעם גאַנצן טאָג.
די נאַכט איז דאָ באָס.
די ליכטער ברענען
צוקאָפּנס פון בר־מינן —
דעם אומגעבראַכטן טאָג.

ווי וואַרעם בלוט

ווי וואַרעם בלוט דורך אָדערן, שטראָמט דורך דיר, מאַנהעטן,
בראָנקס און ברוקלין, איסט־ריווער און האָדסאָן;
די טײַכן — פאַרקאַווועטע בראַסלעטן,
אויף דײַנע אָרעמס אָנגעטאָן.

ווי וואַרעם בלוט פאַרפולן דיך די מענטשן —
מיליאָנען, פון אַלע עקן וועלט.
אין יאָך פון טאָג זיי שעלטן דיך און בענטשן
אויף לשונות אַלע פון דער גאָרער ערד.

דו

ד.ג

דײַנע גלידער פריש, ווי ווײַטער קילער לײַן.
דײַנע האָר פול מיט גאָלד, ווי רייפער פעלד מיט זאַנגען.
פון דיר, מײַן ליבער, פון דײַן ליכטיק זײַן,
איז איבער מיר אַ זון איצט אויפגעגאַנגען.

איך נעם איצט אַנדערש אויף פון לעבן יעדן קלאַנג.
דער שווערסטער יאָך איז מיר איצט לײַכט געוואָרן.
דער שווערסטער וועג איז מער פאַר מיר ניט לאַנג,
און אין דער פרייד מיט דיר פאַרפליִען טעג און יאָרן.

ווּ

איך שעם זיך דיר צו זאָגן, ווי איך בענק נאָך דיר,
איך שעם זיך דיר צו זאָגן, ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב.
איז שווייַג איך און איך זינג דייַן נאָמען שטיל אַזוי אין מיר,
און וויג אים, ווי אַ מאַמע, וואָס פאַרוויגט איר קינד אין וויג
און קען אים ניט פאַרוויגן — פּונקט אַזוי איז דייַן געשטאַלט,
וואָס וואַכט אין מיר און גיט מיר ניט קיין רו,
ביז וואַנען איך אַליין צעוויג זיך, ווי אין ווינט דער וואַלד,
און רוף בייַם נאָמען דיך: ווּ ביסטו, ווּ?

געוואַרט

כ'האָב נעכטן געוואַרט, און איך וואַרט אויף דיר היינט.
מיין בענקשאַפט צו דיר וועט נאָך דויערן לאַנג.
מיין אומעטיק-שטילער ברוינאויגיקער פריינד —
פאַרפלעכטסט מיינע טעג מיט געזאַנג.

ס'איז מאָדנע אַזוי: דיין שטים איז מיר נאָענט,
דיין שמייכל — באַקאַנט, אויך די פאַרב פון דיין הויט.
דו האָסט מיך אין עמעצן-איינעם דערמאָנט —
מיין האַרץ גייט פאַר אומעט מיר אויס.

נאָר רעדסטו צו מיר, ווערט מיין אומעט דאַן שטיל.
איך זיץ און איך הער, און איך גלויב ניט אַליין,
אַז פון דיר און מיט דיר זאָל דער וויי, וואָס איך פיל,
ווי טוי אינעם ליכט פון פרימאָרגן צעגיין.

דאָס טונקל־בלויע קלייד

טו איך אָן מײַן קלייד פון טונקל־בלויען זײַד.
זע איך זײַנע אויגן ווידער אויף מיר רוען.
זע איך, ווי ער קומט אָן פון דער ווײַטסטער ווײַט.
לויפן שנעל מינוטן, לויפן שטילע שעהען.

טו איך אָן פון טונקל־בלויען זײַד מײַן קלייד.
קומט ער ווידער אָן און דריקט מיך צו דעם האַרצן,
שעפּטשעט מיר אין אויער — ביסט מײַן בלויע פרייד,
און אויף דײַנע אַקסלען בלויע פליגל וואַקסן.

ווײַל דו ביסט ניט געווען

איך האָב מיט אים שפּאַצירט, ווײַל דו ביסט ניט געווען.
איך האָב אויף יעדן איינעם דײַנס אַן ענלעכקייט געזען.
בין איך מיט אים געגאַנגען. ער האָט געגליט, געברענט
בײַם מינדעסטן באַריר פון מײַנע קליינע הענט.

און רייד האָט ער גערעדט — רייד פון רו און פרייד.
איך האָב זיך גאָרניט צוגעהערט צום קלאַנג פון זײַנע רייד.
נאָר דיך האָב איך געזוכט, נאָר דיך האָב איך געזען,
און צווישן טויזנטער — מיט דיר אַליין געווען.

☆

ווי טרויעריק און קיל די מי איז,
וואָס טוט אָן אונדז אַ יומטובדיק קלייד.
דורך דײַנע טונקעלע וויעס
צעפלאַמט זיך אַ זוניקע פרייד.

די ליפּן עפענען זיך, זוכן
ווי אַ זאַפטיקע פרוכט — אַ קוש.
געווירציקע און ערדישע גערוכן
פאַרפולן אונדזער אָטעם מיט גענוס.

אַ לידעלע

אין אויוון ברענט העליש דאָס פײַער,
דאָס האַלץ וויינט מיט פּעכיקע טרערן.
מײַן פרײַנד אין דער ווײַט, ביסט מיר טײַער —
דײַן שטים דורך די שנייען כ'קאָן הערן.

די קוסטעס, פּאַרטוליעט אין שנייען,
מיר ברענגען פון דיר שטילע גרוסן.
מײַן אומעט, מײַן פּײַן, מײַנע ווייען —
וועסט דו דורך מײַן ליד זיך דערוויסן.

פרייד

דיך באַגעגענען בין איך געלאָפן.
מײַנע טריט האָבן זיך געפליגלט אין גאַנג.
כ'האָב אַזוי פיל מענטשן אויפן וועג געטראָפן —
און דער וועג איז געווען אַזוי לאַנג.

די גאַסן האָבן זיך געצויגן, געצויגן
אויף אומענדלעכע מײַלן ווײַט.
דורך די רוימען האָבן דיך געזוכט מײַנע אויגן —
און לאַנגזאַם געטריפט האָבן טראָפנס צײַט.

רגעס

מיר האָבן מילך געטרונקען און געגעסן ברויט.
פאַר פרילינג איז געווען. אָונגטשיַין און וויַיסער טיש.
און אויפגעשוווּמען איז פון ערגעץ טיף מיַין פרייד.
מיט דיר האָב איך די בלעטער פון אַ בוך געמישט.

געלייענט, און מיַין קול האָט זיך געוויגט
מיט יענעם ווידערקול פון אַלטע חכמה־רייד.
ווי יוספס אָרון אויפגעטויכט האָט פון געמיט
אַ לאַנג שוין אָפּגעגאַנגענע — מיין פרייד.

ווי האָסטו געקאָנט?

ווי האָסטו געקאָנט אין אייביקייט זיך פאַרקלײַבן
און לאָזן מיך אַליין אין דער מיט?
ווער וועט איצט מײַנע ווערטער קלײַבן,
זיך פרייען מיט ערשטקייט פון מײַן ליד?

ווי האָסטו געקאָנט פון לעבן זיך אָפּזאָגן
און לאָזן מיך איינע אַליין?
אין דאָרטן, ווו די ווינטן קלאָגן,
דו הערסט איצט מײַן שטומשטים־געוויין.

וועמען?

וועמען זאָל איך שענקען מײַנע ווערטער, וועמען,
אַז פון מײַן גוטן וואָרט האָסטו בלויז אויפגעשיינט,
און דײַנע בליקן אונטער די געדיכטע ברעמען
געוואָרן זײַנען פולע, ווי אַ כוס מיט ווײַן?

מיט וועמען זאָל איך גיין אויף זומערוועגן
און פרייען זיך מיט ביימער אינעם צווייט,
אַז קיינער קומט מיר מער שוין ניט אַנטקעגן —
איך הער ניט לעבן זיך מער דײַנע טריט?

מיט וועמען זאָל איך וויינען, טיילן זיך מיט ליידן
בײַם ציטער פונעם ניגון אין אַ וואָרט,
אַז ס'איז דעם טויט געלונגען אונדז צו שיידן
און שטומעניש פאַרשטיינערט שוין דײַן אָרט?

הײַנט גיי איך פֿון דײַן הײם

הײַנט גיי איך פֿון דײַן הײם מיט צוגעמאַכטע אויגן
און מײַן געהער איז טויב צום רעש און הילך פֿון שטאָט.
דײַן זינגעוודיקייט ליגט אויף מיר פֿאַרבויגן
און סטרוניקט, ביטערט איצטער אין מײַן טראָט.

פֿאַרפֿרילינגדיק עס אָטעמען די ווײַטן.
די שנייען לײַכטן איבער גאַר דער ערד.
אין ניגון דײַנעם הער איך ווײַטע צײַטן —
דורך זיי איז מיר דיך זען געוועזן באַשערט.

די לײַכטע, העלע הימלען אין די הויכן.
די ברוינעביימער וואַכן אויף פֿון שלאָף.
אונטער דעם דינעם אײַז די כוואַליעס לויפֿן.
דײַן ניגון זאָגט דעם ווינטער אָן זײַן סוף.

מייַנע טרעפּ

עס וואַרטן טרעפּ, דייַן טראָט זאָל זיך צעזינגען,
און איך — אין טיפן עלנט בייַ די שויבן.
דו ליגסט פאַרקלעמט אין ערד, אין ברוינע רינגען,
און איבער דיר אַ כמאַרע שווימט פון אויבן.

מיט דיר פאַרבינדט מיך איצטער בלויז דער טרויער,
און דאָס בלייַבט ביזן סוף פון מייַנע יאָרן,
ביז וואַנען ס'וועט אויך איבער מיר אַ מויער
פאַרשליסן דיך אין לעצטקייט פון זכרון.

☆

אַרום זײַנען ווערטער געוואָרן פאַרשטומט.
איך הער איצט דאָס פֿאַלן פֿון בלעטער.
איך האָרך, — און וויל הערן די בשורה: דו קומסט.
דערווײַל — דײַנע ביכער איך בלעטער.

אין זיי איז געבליבן דאָס בעסטע פֿון דיר,
בלויז דאָס, וואָס מיך קאָן נאָר דערפֿרייען...
און דויערן — ביז עס וועט פֿאַלן די טיר —
און מיר וועלן זײַן שוין אין צווייען.

טראַפּנס גליק

די טראָפּנס גליק, וואָס גורל האָט באַשערט,
נאָך האַלטן מיך אין דורכגאַנג דורך דער וועלט.
צו קנאַפּ? נאָר מיר בלויז האָבן זיי געהערט,
און אין מײַן יום-טוב האָבן זיי געהעלט.

אינהאַלט

זייט
וועגן דער דיכטערין ראָזאַ נעוואָדאָווסקאַ — אברהם ליס — — — — 5
קורצע ביאָגראַפיע — ס. ק. — — — — — — — — — — — — — 11

שטילקייטן

* (אין אונדזערע ווייטע נסיעות) — — — — — — — — 15
מיינע אויגן — — — — — — — — — — — 16
וועגן זיך אַליין — — — — — — — — — — — 17
צוויי זונען — — — — — — — — — — — — 18
* (קיין זאַך איז ניט שטום) — — — — — — — — — 19
* (איך בין נאָך אַלץ דאָס קינד) — — — — — — — — 20
ביים ברעג פון טייך — — — — — — — — — — 21
* (ווו בין איך געווען) — — — — — — — — — 22
וואָרט — — — — — — — — — — — — — 23
* (איך גיי צו אַייך) — — — — — — — — — 24
ווער ביסטו, מענטש ? — — — — — — — — — 25
* (איך וואָלט) — — — — — — — — — — — 26
אַליין — — — — — — — — — — — — — 27
יעדע נאַכט — — — — — — — — — — — — 28
איבערגעקערט — — — — — — — — — — — 29
אַזוי פיל אומעט — — — — — — — — — — — 30
איך האָב געזען דעם טויט — — — — — — — — — 31
צו וואָס ? — — — — — — — — — — — — 32
דער נביא — — — — — — — — — — — — 33
* (פאַרשטויסן מיין וואָרט איז) — — — — — — — — 34
מיין הלל — — — — — — — — — — — — 35
לעבן מיינס — — — — — — — — — — — — 36
* (איך וויל זיך שיידן מיטן טרויער) — — — — — — — 37
באַשערטקייט — — — — — — — — — — — 38

	זייט
באגינען	39
אין פעלד	40
ס׳פלאַצן די קנאָספּן	41
ביימער אין פרילינג	42
ביי מיין פענצטער	43
סוף טאָג	44
שמעטערלינגען	45
איך האָב געזען	46
פאַר נאַכט	47
דאָס פלאַטערל	48
שפּעטזומערווינט	49
ברוינע בלעטער	50
* (פליען פייגל)	51
שטילער שניי	52
בלעטער	53
אין וואָלקן	54
פאַר נאַכט	55
אונטערן שניי	56
אָטעם	57
פאַר פרילינג	58
אַ בוים אין פעלד	59
אין דער פרעמד	60
ביים ראַנד פון די ראַנדן	61
ערד־ציטערניש	62
אין אַ טאָג פון גליק	63
ווי האָניק	64
* (טראָגן די ליבע אין בלוט)	65
צום גורל	66
דאָס איינציקע וואָרט	67
איך האָב פאַרשריבן מיין ליד	68
אַ ליד אַזאַ	69
* (אָפּגעמאָסטן, אָפּגעווויגן)	70
בטחון	71
בעלות השחר	72
איך זע דיין האַנט	73
צייכנס	74
אַ ווייסע וואָזע	75
* (באַשעפער)	76

זייט

מיינע זאַרגעוודיקע הענט — — — — — — — — — — 77
בריוו — — — — — — — — — — — — — — — 78
מיין תפילה — — — — — — — — — — — — — 79
אַנונג — — — — — — — — — — — — — — — 80
יידישער אות — — — — — — — — — — — — — 81
דעם סאַמע טיפסטן בלוי פון מיין געמיט — — — — — — 82
רו — — — — — — — — — — — — — — — — 83
שטילקייט — — — — — — — — — — — — — — 84
אַ ברכה — — — — — — — — — — — — — — 85
מיינע הענט — — — — — — — — — — — — — 86
אַ רוימיש יינגל — — — — — — — — — — — — 87
ווי אַ שטאָלענע רייף — — — — — — — — — — — 88
האַלבטאָג — — — — — — — — — — — — — — 89
האַרבסט — — — — — — — — — — — — — — 90
איך לערן — — — — — — — — — — — — — — 91
ליבשאַפט — — — — — — — — — — — — — — 92
טינט און פּאַפּיר — — — — — — — — — — — — 93
געזאַנג — — — — — — — — — — — — — — 94
ביי נאַכט — — — — — — — — — — — — — — 95
וועגן זיך — — — — — — — — — — — — — — 96
אַ שטים — — — — — — — — — — — — — — 97
מיינע זעגלען — — — — — — — — — — — — — 98
אויף וועגן — — — — — — — — — — — — — 99
שטילקייט — — — — — — — — — — — — — — 100
שפּעטע נאַכט — — — — — — — — — — — — — 101
* (אין צאַרטקייט לעצטער) — — — — — — — — — 102
אַלץ רעדט צו מיר — — — — — — — — — — — 103
* (פאַר זען די וועלט) — — — — — — — — — — 104
זינג — — — — — — — — — — — — — — — 105
* (מיט אייביקייט־טוונגען) — — — — — — — — — 106
אַן איין־און־איינציק וואָרט — — — — — — — — — 107
דורך מיר — — — — — — — — — — — — — — 108
פיר פאַר טאָג — — — — — — — — — — — — — 109
פאַרביי אַ בית־עולם — — — — — — — — — — — 110
פאַרשלונגען פון טויט — — — — — — — — — — — 111
שטיל זאָל זיין מיין אָוונט — — — — — — — — — 112
איבערקרייץ — — — — — — — — — — — — — — 113
זיי גוט צו מיר — — — — — — — — — — — — — 114

זייט
איך וועל דיר אומקערן — — — — — — — — — — 115
איך בין אַוועק צו זיך — — — — — — — — — — 116
געוועזן — — — — — — — — — — — — 117
שטילקייטן — — — — — — — — — — — — 118
אַזוי פיל וואָרעמע ווערטער — — — — — — — — — 119
לידער מיינע — — — — — — — — — — — — 120

פייער־כתב

געוועב פון מיין ליד — — — — — — — — — — 123
צוריק — — — — — — — — — — — — — 124
געשטאַלטן — — — — — — — — — — — — 125
ווער ? — — — — — — — — — — — — — 126
מיין פאָטער — — — — — — — — — — — — 127
מיין מאַמע — — — — — — — — — — — — 128
דער מאַמעס טויט — — — — — — — — — — — 129
אין ווייסן — — — — — — — — — — — — 130
שלאָפן־גיין — — — — — — — — — — — — 131
אָרעמע זונטיקס — — — — — — — — — — — 132
פוסט און לער — — — — — — — — — — — 134
קיין קומט — — — — — — — — — — — — 135
ווי ביאַליסטאָק — — — — — — — — — — — 136
פייער־פּנים — — — — — — — — — — — — 137
דערזעען — — — — — — — — — — — — — 139
שניי — — — — — — — — — — — — — 140
פייער־כתב — — — — — — — — — — — — 141
צו פּאַריז — — — — — — — — — — — — 143
הער זיך איין — — — — — — — — — — — 148
מלחמה — — — — — — — — — — — — — 149
די בלויסטע נאַכט — — — — — — — — — — 150
מאַמע און קינד — — — — — — — — — — — 151
דאָס צעריסענע ספר — — — — — — — — — — 152
איך שעם זיך — — — — — — — — — — — 153
אין מיטן וועלט — — — — — — — — — — — 154
* (די וועלט איז ווידער וויסט) — — — — — — — 155
עתידות — — — — — — — — — — — — — 156

	זייט
צפת	157
גאָט האָט צוגעזאָגט	158
קול ישראל	160
ביי ליעסינס שרייבטיש	161
אַ חלום	162
ביי אַ לוויה	163
צו עדנאַ סענט ווינסענט מילעי	164
גאָר אַנדערש	166
צו עדגאַר פּאָ	167
לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי	168
די צוויי יאָר	170
דו וואָלטסט געקומען	171
ליעטשקען	172
דער לעצטער פּלי	173
מיין וויגליד	174
איך האָב דיך פאַרטוליעט	175
* (אין אַנדערן צימער)	176

יונה

* (דיין האַרץ פאַרשטאָליק)	177
א. באַפעל	178
ב. באַרוף	179
ג. די שיף	180
ד. דו וואָגלסט נאָך	181
ה. אין אינגעווייד פון פיש	182
ו. ווי יונה	184
דניאל	185

וואַסער, ווינטן און פעלדזן

וואַסערן, ווינטן און פעלדזן	193
ווי די פּאַלמע	194

	זייט
הונדערט צוואַנציק טעג	195
אַלבאַטראָס	196
אַ זעגל	197
רעגן אין דרום	198
ביים פּאַסיפישן ברעג	199
האַרכיק	201
ים	202
מאָרגנפרייד	203
מיט בענטשנדיקע פינגער	204
ביים ראַנד	205
צווישן פּאַרבן	206
ראַנדן פון אָפּגרונט	207
ווי אַ בין	208
אַ זעונג	209
איך הער	210
מדבר	211
נעוואַדאַ	212
ספינקס	213
שפּעטזומער אין די בערג	215
געזען	216
בענקשאַפט	217
* (פון דרום־לאַנד)	218
ביים אַטלאַנטיק	219
אָקעאַן, וואָס דערציילסטו ?	220
* (אָקעאַן, איך רעד צו דיר)	221
* (ים, איך בין היינט שטורמישער)	222
* (האָסט פאַרברייטערט מיין האַרץ)	223
אויפן ברעג	224
זונפאַרגאַנג	225
* (איך האָב צו זון און זאַמד)	226
אין פנים פון ים	227

ניו־יאָרק

צוריק פון מדבר	231
באַזונדער	232
ריווערסייד־דרייוו	233

זייט

* (דער פאַרנאַכט אין קופערראָיט) — 234
היינט — 235
שלעסער אין שפּאַנישן מוזיי — 236
אויף איסט־בראָדוויי — 237
אַוונטברויט — 238
פּאַרק און ווינט — 239
ווינטער אין פּאַרק — 240
אַ היים אין די בראָנקס — 241
ביים איבערקרייץ פון רווישיקע גאַסן — 242
די שעה איז עלף — 243
בחצי הלילה — 244
שאָפּ — 245
* (אַ גאַנצן טאָג) — 246
ווי וואָרעם בלוט — 247

דו

דו — 251
ווי — 252
געוואָרט — 253
דאָס טונקל־בלויע קלייד — 254
ווייל דו ביסט ניט געווען — 255
* (ווי טרויעריק און קיל) — 256
אַ לידעלע — 257
פרייד — 258
רגעס — 259
ווי האָסטו געקאָנט ? — 260
וועמען ? — 261
היינט גיי איך פון דיין היים — 262
מיינע טרעפּ — 263
* (אָרום זיינען ווערטער) — 264
טראָפּנס גליק — 265